STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00124

GEZANG FUN MAYNE TEG

Zusman Bunyan

Permanent preservation of this book was made possible by
The Laguna Hills Leisure World Yiddish Club
in memory of
Stanley Bunyan

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ברנין

געזאנג פון
מיינע טעג

Copyright, 1950, by
Z. BUNYAN
3015 Winter Street
Los Angeles 33, California

אַרויסגעגעבן פֿון
ז. בונין בוך קאָמיטעט
לאָס אַנגעלעס, קאַליפֿ.

Printed by
ACME PRESS, INC.
3618 W. Pico, Los Angeles 6, Calif.
88

ז ו ס מ אַ ן ב ו נ י ן

דאָס בוך איז געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין ליבע שוועסטער שיינע־דאָבע (דאָראַ באַראָן) וועלכע איז אַזוי פּריצייטיק אַוועק פון דער וועלט, נאָוועמבער 29, 1949.

חד גדיא, חד גדיא.
אַ מעשה מיט אַ ציגעלע.*)
וואָס איך געדענק פון קינדערהייט אָן,
כמעט נאָך פון מיין וויגעלע.
האָט דאָס ציגעלע אַ פּאַסטעכל,
אַ פּאַסטעכל געהאַט.
האָט דאָס פּאַסטעכל, ווי אַ סאָלדאַט
אויפן פּאָסטן זי געהיט
און יאָרן לאַנג מיט ליבע,
נאָכגעגאַנגען אירע טריט.
נאָר איינמאָל, צו זיין שטוינען
האָט דאָס ציגעלע, ווי "פּעגאַסוס"
פליגעלעך באַקומען צוויי,
ווייסע פליגעלעך ווי שניי
און איז אַוועקגעפלויגן,
אַוועקגעפלויגן —
וויינט ביים פּאַסטעכל דאָס האַרץ
און ס'טריקענען ניט זיינע אויגן.

---

*) אין אונדזערע קינדהייט־יאָרן איז מיין שוועסטערס צונאָמען געווען: ציג, און מיינער — פּאַסטעך.

אַזוי צו זאָגן

איך זאָג אַמאָל אַזוי צו זאָגן:
יעדער קאָן דאָך זען דאָס ליכט
ווען ס'הויבט שוין אָן צו טאָגן . . .
נאָר דער וואָס זעט דאָס ליכט, די שיין
ווי פינצטער ס'זאָל די נאַכט ניט זיין —
איז אַליין פון ליכט אַ קוואַל,
וואָס ברענגט דער וועלט אַ האָפנונגס־שטראַל!

איך טראַכט אַמאָל אַזוי צו טראַכטן:
ווער ס'איז בלויז מיט זיך פאַרנומען,
ווייסט פון פרייד (אים קען זיך דאַכטן).
נאָר דער וואָס אָטעמט מיט דער וועלט,
און האָט זיין לעבן איינגעשטעלט
אין קאַמפן קעגן צוואַנג און נויט, —
דערהויבט זיך צו דער העכסטער פרייד.

איך שרייב אַמאָל אַזוי צו שרייבן:
דער פּאָעט פון „באַרג פּאַרנאַס"
וואָס פרעמד איז אים דער מענטש פון גאַס
און הויבט זיין פען ניט אין פּראָטעסט
קעגן דער רעאַקציע־נעסט, —
איז ווי ער וואָלט זיין ליד געשפּינט
אויף ווייס פּאַפּיר, מיט ווייסן טינט! . . .

צו אַ פֿריינט אַ דיכטער

פאַר די, וואָס זעען ניט דעם בוים
ווייל נעענטער איז זיי דער דאָרן,
און זוכן ווילד־געוויקסן דאָרט
וואו ס׳כוואַליעט זיך אין ווינט דער קאָרן —
מיין רחמנות!

פאַר די וואָס מעסטן ווערט פון ליד
לויט צאָל פון שורות אויפן בלאַט,
און וועגן ביכער אויפן פונט
לויט זייער גרויסקייט פון פאָרמאַט —
מיין רחמנות!

זיי זיינען ווי דער אָרימאַן,
וואָס פילט מיט גראָשנס אָן זיין טאַש
כאָטש קליין איז זייער קופּער־ווערט,
מאַכט עס דאָך אַ גרויסן רעש . . .

פאַר מיר — אַ דימענטל ווי קליין
ווען אויפן שאָל געוואויגן,
איז דאָך כדאי, ווען ס׳האָט דעם חן
און קאָליר פון רעגנבויגן.

אַ בילד פֿון אַן אויל־פֿעלד

עטעלען

נאַכט—
שאָטנס שוואַרצע שפּרייטן זיך אין גאַסן,
שפּרייטן זיך אין האַרצן טיף . . .
ס׳הערט זיך פון דער ווייט
דאָס סאָפּען פון די קעסלען,
וואָס טרייבן ריזיק־שטאָלענע עגבערס
אין דער ערדס געדערים טיף.
קוואַלט פון דאָרט
דאָס פליסיק „גרינע גאָלד״
אין רערן,
אויסגעמישט מיט מענטשנס בלוט און שוויים.

און די מיט ליכט־באַדעקטע „דעריקס״
אויסגעשפּרייט אויף מיילן־ווייט,
— ווי טויזנט ריזן־אויגן
שטעכן דורך די טיפקייט פון דער נאַכט.

דאָ, אויף טראָטואַרן —
מענגעס גאַנצע שפּאַרן זיך,
ווי אַ סטייע היישעריקן
אָנגעלאָפן פון אַ הונגער־לאַנד;
נעכטן ערשט —
אַ גריך־באַוואַקסן פעלד געווען;
היינט —
ווי דורך אַ שוואַרצן כשוף —
ביידלעך, הייזלעך, קרעמלעך אויסגעוואַקסן.
קומען אַרבעטער און בייטן
שווער־פאַרהאַרעוועטע פּראַצע
אויף „סלאָט־מאַשינען״, „ווייב״ און ווײַן.

דער האנדל ברענט:
עס גייט דאַ אַלץ אין קאָן:
— אָן „אויל־בום״!
„דרילערס״ ברודיקע און מידע,
מיט אויל־פאַרשמירטע פנימער און קליידער;
פרויען עלטערע און גאַר נאָך יונגע,
— כמעט קינדער —
מיט אויגן און באַוועגונגען
וואָס שרייען: „צום פאַרקויף!״
ציען זיך אויף באָרגער „פראָמענאַדע״.

און אין אָט־דעם געדראַנג
שאַרן זיך מיט טריט ניט זיכערע
צוויי בלינדע, —
מאַן און ווייב:
ער — מיט אַ גיטאַר;
זי — אַ קווערטל טראָגט פאָראויס,
און כריפּען אין דער וויסטער נאַכט אַריין:
„ווען יו ענד אַי וואויר יאָנג, מעגי״..
און דער עולם וואַרפט אין קווערטל
גראָשנס פאַר אַ ניט־געלעבטן לעבן,
און פאַר אויגן אויסגעלאָשענע —
מטבעות.

מישט זיך אוים דאָס כריפּען זייערס
מיט דעם סאָפּען פון די קעסלען,
מיט דעם רוישן פון די דרילן —
ברענגענדיק מיליאָנען
— פאַר יחידים —
פון דער טיפעניש אַרויס!

באָרגער, טעקסאַס

באַלאַדע פֿון אַן אַלטן שניידער

מגורדיס באַק

איך זע אים טאָג-טעגלעך פאַרבייגיין מיין פענצטער
מיט טריט קוים דעם באָדן באַטראָטן.
דער רוקן געבויגן — אַן אַלטע געביידע,
וואָס דאַכט זיך — אָט ווערט עס צעשאָטן.

ער גייט צו זיין צימער. און ס'ווערט אים זיין האַרץ
פון עלנט און אומעט צענומען;
עס האָט ביים אַוועקגיין אים קיינער באַגלייט, —
באַגריסן ט'אים קיינער ביים קומען.

אויף אייביק אַוועק איז פון אים שוין זיין פרוי;
דאָס קול פון אַ קינד זעלטן הערט ער.
אַ פויגל אַ מידער וואָס קומט צו זיין נעסט,
און געפינט גאָר די נעסט אַ צעשטערטע...

ער איז דאָך ניט שטענדיק געווען אַזוי עלנט,
און קומט פון קיין וויסטע קיין ווילדער;
אַ בילד פון זיין פרוי אויפן טיש, און די ווענט
באַהאַנגען מיט קינדערשע בילדער.

זיי שטאַרן אויף אים מיט קאַרטאָנענער שטומקייט;
און זעלטן זיין שוועל ווערט באַטראָטן.
אַן איינזאַמער שלייכט ער זיך אום אין זיין צימער,
פאַרפאַלגט פון זיין אייגענעם שאָטן.

פאַריאָגט ער די שעה'ן מיט לייענען ביכער,
פון עפּעס אַ כוח געטריבן;
ער לייענט אַ בוך שוין צום ווייפלטן מאָל,
וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן.

ניט פון קיין פרינצן, פארכשופטע שלעסער,
זיין יוגנט אין אים איז באשריבן;
זכרונות פון אנפאנג — פון ווילנער באוועגונג
ווי פערל צוזאמענגעקליבן.

* *

פון משא פון איבער אכט צענדליק יאר,
זיין קאפ ווערט געבויגן צום קישן...
דער שלאף ווי א צערטלעכער גלעט פון א האנט
די אויגן די מידע פארשליסן.

ער ליגט איצט בארוט. אויפן פנים א שמייכל,
ווען שלאף טוט די אויגן פארזוימען;
ער לעבט איצט אדורך זיין לעבן פונסניי —
אט זיסע, אט ביטערע טרוימען.

* *

א שטיבל א קליינס, צוויי צימערלעך ענגע,
און קינדערלעך — פינף אן עין הרע;
געגרייזשעט אפט טרוקענע ברויט, ווי עס גריזשען
די ציגן פון ביימער די קארע...

און משה׳קע דער בכור, כאטש געווארן ערשט ניין —
געהאט האט א מוח א שארפן;
פלעגט שטענדיק פארטראכט זיין, און ארעמער מאמען
מיט פראגן כסדר פארווארפן:

אודאי איז גאט א גערעכטער, א גוטער;
די וועגן פון גאט זיינען גלייכע:
פארוואס זשע, זאג מאמע, האט ער עס באשאפן
סיי ארעמע קינדער, סיי רייכע?

פאַרוואָס איז דער טאַטע פון גאָט אַ געשטראָפטער?
ער איז דאָך אַ גוטער, אַ פרומער;
עס לאָכן די קינדער פון מיר אין די גאַסן
דערפאַר וואָס מיין טאַטע ז'אַ שטומער.

ער אַרבעט דאָך שווער סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט,
און שטענדיק ביי נאָדל געזעסן;
פאַרוואָס זשע איז דאָך זיין פאַרדינסט אַזוי קליין,
און עס פעלט אויף אַ שוך און אויף עסן?

— אויף פראַגן אַזעלכע געפינען אַ תירוץ
איז דער מאַמען ניט שטענדיק געלונגען;
זי פלעגט אים מיט צערטלעכקייט גלעטן דאָס קעפּל
און טרערן אַרונטערגעשלונגען.

* *

און זיצנדיק איינמאָל אין חדרביים חומש —
באַשלאָסן ביי אים איז געבליבן:
ניט רעכט אַז דער טאַטע זאָל דאַרפן פאַרזאָרגן
אַליין — אַ משפחה פון זיבן...

ניט לאַנג זיך געיישובט; אַנטלאָפן פון חדר,
און גלייך צו אַ שניידערשער כאַטע:
צווישן אַ חברה פון שניידער-געזעלן —
געאַרבעט האָט אויך דאָרט זיין טאַטע.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן,
פאַרשטאַנען זיך בלויז מיט די אויגן;
דערלאַנגט אים אין הענטל אַ שטיקל געוואַנט,
אַ נאָדל-און-פאָדעם פאַרצויגן...

און כאַטש ס'איז געווען ערשט זיין פרילינג זיין צענטער,
די גאַס האָט גערייצט און געצויגן —
איז ער דאָך געזעסן ביי דער זייט פונם פאָטער —
זיין רוקן איז יאָך שוין געבויגן.

עס זיינען אין הויז שוין געווען צוויי פאַרדינער —
און ברויט שוין אַביסעלע מערער;
נאָר קוקנדיק אויפן „פאַרדינער" — ז'די עלטערן
געוואָרן דער ביסן נאָך שווערער...

* *

עס בייטן די טעג זיך אויף וואָכן, חדשים;
חדשים געכפּלט אויף יאָרן:
פאַרלאָזן האָט ער שוין זיין שטעטל „סוועָנצאַנע",
און איז אַזש קיין ווילנע פאַרפאָרן!

אַ וועלט האָט אַ נייע פאַר אים זיך געעפנט:
חברים און נייע באַקאַנטע;
אין געסלעך געהיימע באַטראַכט האָט מען פראַגן
פון פריער פאַר אים ניט געאַנטע.

געהיימע „סכאָדקעס", פאַרבאָטענע ביכער
פאַרשאַרפן און קלאָרן זיין מוח.
ער ענטפערט אַליין שוין אויף פראַגן שטאָט פרעגן;
ער ווערט שוין אַ „פירנדער כוח".

עס האָט זיך די יוגנט דורך וואַלדיקע וועגן
געהיימע — צום לעבן געריסן.
און משה סוועָנצאַנער האָט אויך דאָ באַגעגנט
זיין ליבע בלוויאָוויגיקע ליזען.

צווישן די אידישע ארבעטער מאסן
געפינט ער חברים, פארערער.
ער פירט שוין די שניידער ארויס אין א „סטאטשקע" —
און ווערט זייער וועג-ווייזער, לערער.

דער סטרייק האט געצויגן זיך וואכן, חדשים,
דורך פיינלעכע הונגער-מעת-לעתן;
און משה מיט ליזען און פיצעלעך צוויי
האבן זעלטן א מאלצייט געגעסן.

און דאך — ווי א שיפס-קאפיטאן אין א שטורעם,
האט ער זיך קיין רו ניט פארגונען —
ביז ער האט די שיף דאך דערפירט צו א האפן:
— דעם סטרייק האט מען ענדלעך געוואונען!

* *

ניטא אזא קראפט וואס זאל קאנען פארצוימען
דעם שטורעם וואס טראגט זיך אין גאסן;
ניטא אזא האנט וואס זאל קאנען פארשטיקן
דעם דראנג פון דערצארנטע מאסן!

אזוי ווי דער טייך וואס צעברעקלט זיין דאמבע,
פארפלייצנדיק טאלן און פלאכן;
אזוי האט דער שניידער-פארמעסט זיך צעטראגן
אין ווילנע — אין אנדערע פאכן.

נאר ס'האבן זשאנדארן מיט די באלעבאטים,
ווי שפיר-הינט אין מארדן-געלויער,
געשנישטערט, געזוכט אויף פארשידענע וועגן —
געפינען די פירער, די „טוער".

* *

ער שלאָפֿט און זיין פּנים אין חלום צעקרימט זיך,
ווי שלאָנגען אים וואָלטן געביסן;
עס קומט אַ זשאַנדאַרם און זאָגט אים: „מאָיסעי,
צום לעצטן מאָל לאָז איך דיר וויסן:*)

„איך וועל דיר אויף ווייטער נים קענען באַשיצן,
און מער דיר ניט קומען אַנטקעגן;
פֿאַרלאָז בעסער רוסלאַנד, אַט שוין טאַקע מאָרגן —
דיר דראָען סיבירישע וועגן!!“

*   *

עס טראָגט זיך אַ שיף איבער ימיקע טיפֿן,
דורך שטורמישע כוואַליקע וועגן,
און פֿירט מיט זיך טויזנטער מענטשן, וואָס גאָרן
דערגרייכן קאָלומבוסעס ברעגן.

עס שלאָגן די הערצער אין ריטם ביי אַלע,
מיט האָפֿענונג איבערגעלאָדן:
עס זאָל זייער לעבן פֿונסניי זיך צעגרינען
אויף ניי־לאַנד — אַמעריקעס באָדן.

נאָר משה סוועגצאַנער האָט אויך דאָ געפֿונען
די זינלאָזע לעבנס־קאָנטראַסטן;
עס האָט זיך דעם אַרבעטערס רוקן געבויגן
אויך דאָ פֿון פֿאַריאָכונג און לאַסטן.

---

*) דאָס איז אַ פֿאַקט. דער זשאַנדאַרם האָט אים איינמאָל אָנגע־טראָפֿן אין גאַס און זיך צעשריען: ׳געדענק, איך וויים אַלץ וואָס דו טוסט. היינט, צוועלף בייטאָג, וועט מען ביי דיר מאַכן אַ הויז־זוכונג, וועסטו האָבן צו זינגען און צו זאָגן״ . . . משה איז גלייך געלאָפֿן אַהיים און האָט אַלץ באַזאָרגט . . . און פּונקט צוועלף אַזייגער זיינען טאַקע געקומען די ׳געסט״, און יענער זשאַנדאַרם וואָס האָט אים געוואָרנט איז געווען צווישן זיי . . .

ס'איז פריש נאָך געווען דער פאַרשאָטענער קבר
פון „היימאַרקעט" העלדן־מאַרטירער;
עס זיינען די טורמעס געווען דאָ, ווי דאָרטן,
געפּאַקטע מיט אַרבעטער־פירער.

די שניידער אין סוועטשאַפּ צוזאַמענגעדריקטע,
אַזוי ווי די בינען אין בינשטאָק;
געפּוילט און געוועלקט האָבן מענטשלעכע לעבנס,
ווי נוצלאָזער אָפּפאַל אין רינשטאָק.

און משה פון ווילנע, ווי משה ביים נילוס,
געקאָנט האָט קיין אומרעכט פאַרטראָגן, —
האָט ער זיך אויך דאָ, ווי אויף יענער זייט ים,
פאַרשפּאַנט אין דעם אַרבעטערס וואָגן . . .

ער אַרבעט און שפּאָרט זיינע קליינע פאַרדינסטן.
צוויי יאָר זיינען באַלד שוין פאַרביי,
ביז אים איז געלונגען צו ברענגען זיין ליזען
אַהער מיט די קינדערלעך דריי.

קיין איבעריק מעבל געווען אין זיין דירה,
און אָרעם דאָס עסן און הולך;
דאָך האָבן זיך מענטשן דאָרט שטענדיק געפונען —
געווען איז אין הויז שטענדיק פריילעך.

כאָטש זעלטן האָט ער אין דער היים זיך געפונען —
די נויט האָט פון הויז אים געטריבן;
ס'האָט ליזע אים קינדערלעך צוויי דאָ געבוירן:
זיי זיינען געווען שוין איצט זיבן.

איז שווער אים געווען פון דער נאָדל צו ציִען
אויף אַלץ וואָס ס'האָט זיך געניוטיקט;
פון ענדלאָזע שעה'ן אין שאַפּ ביי דער אַרבעט,
אין ברוסט האָט געענגט און געוויטיקט.

* *

ווי ריטשקעס וואָס ווערן געטראָגן צו טייכן;
די טייכען צו ימען זיך יאָגן —
אַזוי האָבן זיך זיינע מיזאָמע יאָרן
צו עלטער מיט אימפּעט געטראָגן.

אַלץ שיטערער ווערן חברים, מיט וועמען
ער האָט אַלע יאָרן געקעמפט און געליטן:
עס האָט זיי די צייט, ווי אין שפּעטיקן זומער
די קאָסע — ווי זאַנגען פאַרשניטן . . .

און אַט האָט אויך ליזע, זיין שטענדיק געטריי'ע,
אויף אייביק געשלאָסן די אויגן:
אַן ליזען איז ער ווי פאַריתומט געבליבן —
זיין קאָפּ צו דער ערד איינגעבויגן.

ער שלאָפט . . . און זיין ברוסט ווי אַ בלאָז־זאַק ביים שמידער
אַט זינקט זי, אַט טוט זי זיך הויבן.
. . . און פּלוצלונג דערזעט ער אַזוינס, וואָס אפילו
אין חלום איז שווער דאָס צו גלויבן:

דאָס בילד פון זיין פרוי שיילט זיך אויס פון דער ראַם,
באַוועגט זיך מיט טריט ניט צו הערן;
זי שוועבט מיט ניט־דאַאיקע טריט צו זיין בעט —
אַט רוט שוין איר האַנט אויף זיין שטערן.

„וואָס איז מיט דיר, משה?—זי פרעגט אים מיט צאַרטקייט,
דו ביזט דאָך מיט שוויים אָפּגעגאָסן!
וואו זיינען די קינדער? ווי קומט עס דו ביסט
אַליין אין אַ צימער פאַרשלאָסן?"

אָ, טייערע מיינע, ווען דו ביסט געווען,
געווען זיינען אַלע אינאיינעם;
ווען דו ביסט אַוועק, זיינען אַלע אַוועק —
איך האָב אַרום זיך איצט ניט קיינעם!"

ער וואַרפט זיך אין שלאָף, ווי אַ פויגל פאַרוואונדעט,
פון וויזיעס וואָס שטעלן זיך פאַר אים.
ער עפנט די אויגן — וואָס איז דאָס? אַ טרוים גאָר! —
אַן אכציק צוויי יאָריקער חלום!

דער סוד פֿון ווערן רייך

זעליק דעם סטאָלער ט'אַמאָל זיך פֿאַרוואָלט
„ווערן אַ מענטש" — און מיט מענטשן צוגלייך:
ס'הייסט ניט חלילה אַזוי צוליב קנאה —
וויל ער ווי אַנדערע אויך ווערן רייך.

נאָר ווען דאָס נויטיקסטע פֿעלט אים אין הויז —
אַמאָל אין אַ שמיטה אַ בגד פֿאַר זיך;
צו קויפֿן דעם ווייב אַ האַלב-אָנשטענדיק קלייד,
און פֿאַרן קינד אַ פּאָר הייזלעך און שיך.

איז ביי דער אַרבעט אַזוי זיך פֿאַרטראַכט
האָט ער געגעבן אַליין זיך אַ פֿרעג:
זאָג נאָר, רעב זעליק, וואָס איז דער תכלית?
ווי לאַנג ס'טו זיך האַלטן ביים הובל און זעג?

זעסט דאָך אַליין — כאָטש די זעג איז פֿון שטאָל —
פֿעלן איר אויך שוין אַ צענדליק ציין...
ווי לאַנג וועסטו קאָנען נאָך אַרבעטן, שקלאַפֿן,
ווען ס'ברעכט דיר דער רוקן און יעטווידער ביין?!

האָט זעליק גענומען אַ דאָלער צו שפּאָרן
אויף „רעגנדיקן טאָג", אויף די עלטערע יאָרן:
און דאַכט זיך — עס גייט שוין ביי אים אויף אַ גאַנג —
נאָר עס געדויערט זיין פֿרייד ניט אויף לאַנג.

עס קומט אַ באַקאַנטער, אַ חבר, אַ פֿריינט:
ער דאַרף אַ פּאָר טולער — אַט שוין, טאַקע היינט;
ער דאַרף אויף אַ דאָקטער — זיין קינד איז פֿאַרביי...
און זעליק מוז אָנהויבן שפּאָרן פֿון ס'ניי!

איז זעליק געגאַנגען צו זײַנעם אַ שכן:
איך וויל, מיסטער געטסמיר, אַן עצה אײַך פֿרעגן:
„איר זענט דאָך אַמאָל, אַזוי ווי איך איצט,
אין דער אדמה צען אײַלן געלעגן...

און איצט — אַן עין הרע זענט איר שוין אַ „לענדלער״
מיט „פּראָפּעטי״, „טענערס״ און אַלץ אין דער וועלט!
איז טאַקע פֿאַראַן אַזאַ שפּרונג, אַ קמיע,
צו ווערן אַ רײַכער און אָפּשפּאָרן געלט?

איך טראַכט און איך ברעך זיך דעם מוח און ברעך;
איך ניי און דער טײַפֿל כאַפּט אויס מיר די שטעך...״

— ניין, — האָט אים געטסמיר געענטפֿערט געלאַסן —
ניטאָ אַזאַ זאַך ווי רײַך זײַן באַשערט:
איר לעבט נאָר אַ צענדליק יאָר ווי אַ חזיר,
און האָט אײַער פֿרײַנט און די וועלט אין דער ערד . . .

לעבן אַ צענדליק יאָר ווי אַ חזיר —
פֿאַרוואונדערט זיך זעליק — דאָס הייסט דאָך אַ שוויין!
פּשוט פֿאַרגעסן אַן פֿרײַנט און באַקאַנטע —
איז וואָס זשע, איך בעט אײַך, וועט נאָכדעם שוין זײַן?

— וואָס אַרט אײַך? איר לעבט נאָר צען יאָר ווי אַ חזיר,
ווערט עס ממילא די צווייטע נאַטור:
עס וועט אײַך, רעב זעליק, שוין גאָרנישט ניט פֿעלן,
און איר וועט אם ירצה השם זײַן אויף דער פּור!...

י ש ר א ל

מיר האָבן מיט שוויים און צעבלוטיקטע פינגער
די זומפּן פון עמק צעקנאָטן.
אין ענדלאָזן זאַמדיקן, זודיקן באָדן
די וועגן און שטעגן צעטראָטן.

מיר האָבן דאָ וועלדער און פעלדער פאַרזייט,
צעטורעמט פאַבריקן־פאַסאַדן;
עס האָט אַן אַזים צעבליט זיך אין מדבר,
וואו ס׳האָבן געוואַנדערט נאָמאַדן.

עס האָבן חלוצים מיט באָרוועסע פיס
געפורעמט איעטווידן ציגל, —
דאָך ווילן די שונאים פאַרחתמענען איצט
דאָס לאַנד מיט אַ טויטלעכן זיגל . . .

מיר קעמפן אויפסניי אויף די בערג פון גלבוע,
וואו שאול, זיין זון יהונתן,
בר כוכבא און די חשמונאים, וואָס האָבן
פאַר לאַנד זייער בלוט דאָ פאַרגאָסן.

נאָך צענדליקע דורות פון ביטערן גלות,
פון פיינטלעכע ציינער געבים:
מיר קומען צו וועבן דעם אוראַלטן חלום,
וואָס טיטוס הרשע ט׳צעריסן.

עס וועט אונדזער קיום און אויפבוי פון לאַנד
קיין שונא — ווי שטאַרק — ניט פאַרמיידן;
און דאָס וואָס מיר האָבן מיט טרערן געזייט, —
אין פריידן מיר וועלן דאָ שניידן!

דער חזיר און דער סאָלאָוויי

אַ שוויין
וואָס האָט גאַנץ פיין
געראָיעט זיך אין בלאָטע,
האָט דערהערט אַ סאָלאָוויי
וואָס האָט דערביי געזונגען.
זיינע זיסע טענער
האָבן אַזש די לופט פאַרקלונגען.
נאָר דעם חזיר אין דער בלאָטע
האָט דער סאָלאָוויי
מיט זיין געזאַנג —
„געקוילעט די קאַפּאָטע” . . .

— איך הער זיך צו
צו דיין געזאַנג,
און הער אין דעם קיין טאָן,
קיין קלאַנג —
(האָט דער חזיר זיך צערעדט).
כ׳וויים — פרעג מיך עפּעס גרינגער —
ביסט מיר איינמאָל שוין אַ זינגער!
אַ קולכל אַזוי דין,
ווי דאָס געוועב פון אַ שפּין!
אָט האָב איך אַנומעלט געהערט
אַ דועט
פון אַן אייזל און אַ פערד —
איז דאָס געווען
שוין איינמאָל אַ קאָנצערט!
אָבער דו, מיין ליבער סאָלאָוויי —
איך מיין חלילה ניט
צו טאָן דיר וויי —
נאָר צווישן אונדז גערעדט,
ביסטו ווייט פון זיין אַ זינגער
אָדער אַ פּאָעט.

— דו ווייסט פֿאַרוואָס —
(האָט דער סאָלאָוויי געענטפֿערט
גאָר אָן פֿאַרדראָס)
דער דועט פֿון פֿערד און אייזל
איז דיר געפֿעלן
בעסער ווי מיינע טרעלן?
צו געזאַנג פֿאַרשטיין,
מוז מען קודם כּל אַליין
באַזיצן עפּעס אַ טאַלאַנט;
דאָס איז אַ כּלל
שוין לאַנג באַקאַנט.
אָבער דו ביסט נעבעך
אויף געזאַנג אַזאַ מבֿין...
אַט טאַקע ווי אַ חזיר
איז אויף הייוון!

דער בוים און דער דאָרן

אַ בוים וואָס איז געשטאַנען אין שכנות
מיט אַ דאָרן
שוין פון יאָרן
האָט זיך איינמאָל צערעדט מיט שפּאָט:
איך קוק אויף דיר, מיין שכן,
און טראַכט:
אַ היפּשער ווינט
און — דו ביסט צעבראָכן!
כ׳לעבן,
איך ווייס ניט וואָס טויג דיר
דיין טרוקן, אויסגעדאַרט לעבן?
צי קען פון דיר עמיץ
הנאה האָבן?
איך אויף דיין אָרט —
וואָלט פאַר שאַנד זיך באַגראָבן!
אָט זעסטו — איך —
אפילו מיין שאָטן
איז דאָך מער פון דיר געראָטן:
אין מיין שאָטן קען אַ מענטש זיך שיצן
אין די גרעסטע היצן;
היינט פון מיין אַראָמאַט דעם זיסן,
וואָס מענטשן קענען דאָך געניסן! . . .

ווער ווייסט ווי לאַנג דער בוים
וואָלט דעם אָרעמען דאָרן
נאָך „דערגאַנגען די יאָרן״!

נאָר איינמאָל אין אַ גרויס געוויטער,
האָט די לופט געגעבן אַ ציטער.
אַ דונער האָט פּלוצלונג
די לופט צעריסן,
און דער שטורעם האָט דעם בוים —
דעם גרויס־באַרימער —
מיטן וואָרצל אויסגעריסן . . .

דער האָן און דער פֿוקס

אַ האָן,
וואָס האָט אַ פּלי געטאָן
איבער זיין פלויט
און אין אַ וואַלד דערביי
אריינגעפלויגן —
האָט זיך זייער דערפרייט,
וואָס ער האָט דערזען
פאַר זיינע אויגן.
ס'איז געווען אַ נייס פאַר אים,
יעדער בוים און יעדע צווייג.
ער האָט געמיינט:
די גאַנצע וועלט באַשטייט נאָר
פון זיין הויף און הינער־שטייג . . .
און ווי ער שטייט אַזוי פאַרוואונדערט,
האָט ער דערזען אַ פוקס
פון אים גאָר נאָענט —
אָפּגעזונדערט.
— אַ דאַנק דיר, ליבער פוקס!
האָט צעקרייט זיך דער האָן.
(אַביסל חניפה און אַביסל שרעק
אין טאָן).

ס׳אַראַ פאַרגעניגן
ס׳איז ביי דיר אין וואַלד!
אַזאַ שיינער,
אַזאַ גרינער!
הלמאי לייקענען —
מען פילט זיך דאָ באַפליגלט,
טאַקע ווי אַ האָן
צווישן הינער!
— דו דאַנקסט מיר גאָר אומזיסט,
פאַר דעם פאַרגעניגן
וואָס דו געניסט,
מיין ליבער האָן,
ווייל ס׳האָט ווייניק וואָס
מיט מיר צו טאָן.
איך בין דאָ אַליין
אַן אורח אויף דער פור.
און ווילסטו ווען דאַנקען —
קומט דער דאַנק
צו דער נאַטור!

צו אַ לאַנד, אַ היים אַ נייער

לויפן באַנען גיך און גיכער
איבער שטאָל־געשפּרייטע וועגן,
פליען רחבותדיקע פעלדער
העל־באַזונטע זיי אַנטקעגן.

איילן זיך צעהיצט די רעדער,
ווילן אַלץ אַריבעריאָגן
מיט דער בשורה מיט דער צאַרטער,
מיט דעם אוצר וואָס זיי טראָגן . . .

סוד'ען זיך אין טייגע בוימער,
זינגען פייגל אין דער נעסט:
ס'וועט דאָס לאַנד מיט פרייד און ליבע
אויפנעמען די קליינע געסט! . . .

ווי אַ זיידע אַ געטרייער
טוט אַ רויש דער וואַלד, דער אַלטער:
„עך, קונדייסים קומען — ברומט ער —
און זיין פרייד אַרום צעשאַלט ער:

„שטאַלץ און שטאַרק, ווי מיינע דעמבעס,
וועלן וואַקסן זיין און טעכטער;
ס'וועט מיין עכאָ ווייט צעטראָגן
זייער הילכיקן געלעכטער!"

שיקט דער ווינט דער באַן אַנטקעגן
זיינע ווינטיקע שטאַפּעטן;
„ווי די זאַנגען אין די פעלדער,
וועלן מיר אייך צערטלעך גלעטן".

שפרינגען פריידיק גרינע בערגלעך:
„ווער קען זיין פון אונדז געטרייער?
מירן אונדזער חלק געבן
פאַר די קינדערלעך צושטייער".

זומער — בלומען, שניי אין ווינטער
פון דער נידער ביז די שפּיצן,
און די קינדערלעך צעפלאַמטע,
וועלן איבער אונדז זיך גליטשן".

הויבן כוואַליעס אָן אין טייכן
בירא און בידזשאַן צו שלאָגן:
„אויף די זילבער־בלויע רוקנס,
וועלן מיר די קינדער טראָגן!"

* *

צו אַ לאַנד, אַ היים אַ נייער,
לויפן, יאָגן באַן נאָך באַן: —
דרייסיק טויזנט קינדער פרייע
קומען קיין בירא־בידזשאַן!

אין שווערע טעג

עס שרייבט מיר מיין שוועסטער פֿון פוילן

עס שרייבט מיר מיין שוועסטער פון פוילן:
איך שרייב, און עס גלויבט זיך מיר קוים:
איז פוילן, דאָס שעכט־הויז פון פעלקער,
געווען בלויז אַ ביטערער טרוים?

ניין, ס׳איז קיין חלום געווען
דער פאַנסקער, דער פוילישער קנוט:
עס האָבן די פאַנעס געטרונקען,
ווי ווייַן, אונדזער יידיש בלוט.

עס איז דאָך אפילו דער הונט
אויף זיין אייגענעם מיסט באַלעבאָס;
נאָר אונדז האָט מען שטענדיק געדרודפט
גאָר אָן אַ פאַרוועג און פאַרוואָס.

עס איז, ווי אַ בלוטיקער חלף,
געהאַנגען אויף אונדז דער באָיקאָט;
ווי מיר וואָלטן געווען אַ צרעת —
פאַרשאָלטן פון מענטש און פון גאָט.

און ווי הפקר דאָס יידיש לעבן
ז׳געווען אונטער פוילישער בייטש;
איז טויזנט מאָל ערגער געוואָרן
ווען ס׳האָט זיך באַוויזן דער דייטש.

ס׳איז פריידיק צו זען דעם פויגל
אין לופט מיט די פליגלען צעשפּרייט;
נאָר ס׳האָבן די נאַצישע „פייגלען״
געבראַכט אונדז פאַרוויסטונג און טויט.

און בלויז אין געציילטע מינוטן —
האָט מען שוין די שטאָט ניט דערקענט;
הרוגים אין הייזער, אין גאַסן:
די שטאָט האָט אינגאַנצן געברענט.

אין הייזער, אויף גאַסן, אויף וועגן, —
פון גרויען באַגינען ביז שפּעט,
האָט לעבן און טויט זיך פאַרמאָסטן —
אויף לעבן־און־טויט אַ געוועט.

און ווער ס'איז ביים לעבן פאַרבליבן,
און וואָס עס האָט נאָר ניט דערברענט —
האָבן די נאַצים פאַרענדיקט
מיט זייערע מערדערשע הענט.

ערשט פּלוצלונג — אין גרויען פרימאָרגן —
דערהערט זיך אַ יובל־געשריי:
עס ציען צוריק זיך די דייטשן!
עס קומט אָן די רויטע אַרמיי!

אָ, ברודער, צי קאָנסטו מיר זאָגן,
וואָס איז שטאַרקער פון שטאָל און צעמענט,
וואָס האַלטן די ריזיקסטע בריקן,
פון גרעסטע געביידעס די ווענט?

דאָס מענטשלעכע האַרץ איז דאָך שטאַרקער
פון אייזן, צעמענט און פון שטאָל;
צו פאַרנעמען אַזעלכע נגישות —
און ליכטיקע פרייד אויף איין מאָל!

אַט קייקלען זיך ריזיקע טאַנקען —
סאָוועטן־פאָן פלאַטערט אויף זיי;
אָן אויסנאַם — סיי קריסטן סיי יידן —
באַגריסן די רויטע אַרמיי.

איז פריידיק געוואָרן אין שטעטל,
און ליב איז געוואָרן דער היינט:
דאָס זיינען קיין שונאים געקומען,
נאָר אויסלייזער אונדזערע — פריינט!

ניטאָ מער קיין „קאַרטוז־בערעזע״,
דער שענדלעכער פלעק פון דער צייט;
צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער
איז אויך אונדזער ברודער באַפרייט.

מיר זיינען איצט אַלע פאַרברידערט,
ניטאָ מער קיין אָרעם, קיין רייך;
מיר זיינען שוין בירגער באַפרייטע —
און זיינען מיט מענטשן צוגלייך.

זאָל לעבן די רויטע אַרמיי,
און זאָל לעבן סאָוועטישע מאַכט,
וואָס האָט אונדז באַהעלט און באַלויכטן
די צוואַנציק יאָר פינצטערע נאַכט!

דער טאָג פֿון רעכענונג

הערי און דזשעני שערר

וואָס איז דאָס? וואָס זע איך מיר קומען אַנטקעגן?
ווערט שלעפּט זיך פּאַרוואָרלאָזט אויף חרוב'ע וועגן
מיט פּאַק אויף דער פּלייצע און קינד אויף דער האַנט?
נאָרוועגיער? בעלגיער? טשעכאָסלאָוואַקן?
צי אפשר גאָר „יודן־פּאַרדאַמטע", פּאָליאַקן,
געטריבן פון היים און פון אייגענעם לאַנד?

איך קוק אויף דער מחנה און זע — איך וואָלט שווערן —
דעם צייכן פון קין ביי זיי אויפן שטערן...
דאָס זיינען דאָך בירגער פון „דייטשישן שטאַט"!
ווי פילט זיך עס לויפן פון הונגער, מגפות,
אין שרעק און פאַרצווייפלונג, פון העלישע שריפות?
אָ, „דויטש איבער אַלעס", פאַרזוך איצט דעם טעם!

עפּנט נאָר אויף אייערע קלומקעס און פּעקלעך
געפּאַקטע מיט קליידעלעך, שיכלעך און זעקלעך
פון קינדער דערמאָרדעט — מתנות פון פראָנט;
קיין צייט ניט געהאַט נאָך די בלוטיקע פלעקן
אַרונטערצוואַשן — דעם מאָרד צו פאַרדעקן —
עס שרייט זייער בלוט נאָך צו אונדז און עס מאָנט!...

קוקט אָן די פֿאַרשוואַרצטע פּנים פֿון רויך האָריזאָנטן:
דאָס ברענען קיין סטעפּעס אויף רוסישע פֿראָנטן,
נאָר דייטשישע שטעט אין דער לענג און דער ברייט.
מיר קומען מיט טאַנקען, מיט פֿלאַם פֿון קאַנאָנען —
אַ חוב צו באַצאָלן — אַ רעכענונג מאָנען
פֿאַר מענטשן וואָס איר׳ט אין מיליאָנען געטויט!

עס קאָן שוין קיין נעבל באַהאַלטן די נייעסן:
עס שלאָגט זיך די רויטע אַרמיי שוין אין פּרייסן!
אַמעריקע, ענגלאַנד דעם רהיין שוין באַשוועלט...
ניט קיין אַרמייען פֿון מערדערשע קריגער!
מיר קומען צו אייך ווי גערעכטיקטע זיגער,
און ברענגען אַ טרייסט דער פֿאַרפּייניקטער וועלט.

מיר קומען צו אייך ניט ווי רויבער און שענדער,
ווי איר זענט געווען אין צענדליקער לענדער.
מיר קומען צו אייך מיט פֿלאַמיקער שווערד
אויף אייביק די סוואַסטיקאַ־שלאַנג צו צעשטויבן;
אַז קיינמאָל זאָל מערדערשע האַנט זיך ניט הויבן
מיט בלוטיקער האַק איבער פֿרידלעכער ערד!

מכשפה בערלין

אָ, הויפּט־שטאָט פון תליון, בערלין־מכשפה!
דו האָסט זיך פאַרמאָסטן מיט דיינע שוצשטאַפּל
אויף דורות אַ פרידלעכע וועלט צו פאַרשקלאַפן —
צעטרעטן מיט נאַצי־פאַרבלוטיקטן קנאַפּל.

דיר האָט זיך געוואָלט פון געשיכטע די ווייזער
צוריק צו דער פינצטערער צייט צו פאַרדרייען;
דיין נאַצישע אויג קען קיין ליכט ניט פאַרטראָגן;
אין תהום׳ען פון חושך בלויז קענסטו געדייען.

מיר קומען פאַרווישן פון אונטער די הימלען
די שאַנד פון דער וועלט, די פאַרשיסטישע שפּין;
מיט גליאיקן צאָרן און דאָרשט נאָך נקמה, —
מיר שפּאַנען פאָראויס — אונדזער ציל איז בערלין!

עס וועלן קיין וועלדער, קיין בערג און קיין טייכן
צום זיג אונדז דעם וועג ניט פאַרשטעלן;
עס וועט אונדזער מוטיקן טראָט ניט פאַרהאַלטן
דעם שונא׳ס געפאַנצערטע שטאָלענע שוועלן.

ניטאָ אַזאַ קראַפט, וואָס זאָל קענען באַזיגן
די כוחות פון וועלכע מיר ווערן געפירט:
עס גייען מיט אונדז די מיליאָנען קרבנות,
וואָס דו האָסט דורך פייער און שווערד „ליקווידירט״.

עס בריט דאָס געוויין פון די וויטעבסקער בוימער,
פון כאַרקאָווס באַלקאָנען עס זיפצן די שטאַנגען:
„אָ, נעמט אונדז מיט זיך, מיר ווילן זיין עדות —
אויף אונדז זיינען מענטשלעכע לעבנס געהאַנגען!״

עס שוועבן נאָך אונדז די נשמות פון קינדער,
וואָס דו האָסט פאַרסמט אין דיין „טויטן־מאַשין";
די ליפּעלעך זיינען מיט סם נאָך פאַרקלעפּטע, —
דאָך רייסן די קינדערשע שטימען — בערלין!!!

עס שלייכן זיך שאָטנס פון „מאַידאַנעק", „טרעבלינקע"—
פאַרברענט איז אין קאַלך־אויוון זייער געביין;
עס איז ניט געווען ווער ס'זאָל הערן, פאַרנעמען
דעם גסיסה־געשריי, זייער לעצטן געוויין.

נאָר זייערע שיך — מיליאָנען פּאָר שיך —
ביז שפּעט אין דער נאַכט פונם פריסטן באַגינען —
זיי טרעטן אין טראָציקן שטומען פּראָטעסט,
און קענען אין ערגעץ קיין רו ניט געפינען.

נאָך זיי קומען צניעות אין ווייסן געקליידטע;
דו ווייסט ווער זיי זיינען — זאָל איך דיר דערקלערן?
דו האָסט זיי פון זייערע ליבסטע פאַרטריבן —
צו צוואַנג און צו שאַנד — אין די פראָנטן־באָרדעלן;

דו האָסט זייער זוניקע יוגנט פאַרמשפּט
צו שטילן די תאווה פון הינטישע זין:
זיי זיינען אויף קידוש השם אומגעקומען —
אויך זיי גייען איצט אויפן וועג צו בערלין!

עס גייען מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ:
זיי וועלן דורך דורות ניט ווערן פאַרגעסן;
עס וועט זייער רום ניט אייז זינגער באַזינגען,
ווען דיך וועלן ציינער פון צייט לאַנג צעפרעסן...

זיי האָבן הערלאָיש מיט ציין און מיט נעגל
נקמה גענומען פאַר טעכטער און זין.
ווי לייבן געקעמפט און ווי העלדן געפאַלן,
— זיי גייען מיט אונדז אין איין מאַרש קיין בערלין!

אָט דאָס איז דער קוואַל, וואָס באַזעלט אונדז מיט גבורה,
און פירט אונדז אין שלאַכט צו דעם גרעסטן נצחון;
עס וועט זיך ניט לעשן דער פלאַם פון נקמה,
ביז דו וועסט ניט ליגן צעדרויבט און צעבראָכן!

די צייט וועט די וואונד פון מיין פאָלק דאָך פאַרהיילן.
עס וועט זיך צעשטראַלן אַ העלער באַגין;
נאָר דיך וועט די מענטשהייט מיט עקל דערמאָנען:
געווען איז אַמאָל אַ מכשפה־בערלין . . .

אַ העלד געפֿאַלן

ליגט אַ דאָרף אין שטילן דרימל —
מילד איז די אוקראַינער נאַכט.
מיט דער ביקס אויף זיינע פּלייצעס
רויט־אַרמייער איילט צו שלאַכט.

זאָרג ניט, מאַמע, זאָרג ניט, ליבע,
זייט געזונט, מיין פרוי, מיין קינד . . .
נאַכט באַגלייט דעם רויטאַרמייער,
ס׳גלעט אים ליב די האָר דער ווינט.

* *

פלאַקערט שלאַכט, קאַנאַנען קנאַלן.
אונטער אים — עס ברענט די ערד!
ניט איין נאַצי איז געפאַלן
פון זיין האַנט און פון זיין שווערד.

ברענט די שלאַכט, ווי צען וואולקאַנען
שפייען וואַלטן פלאַם און בראַנד.
שטאַרקער דאָך זיין האַרץ פון צאָרן
ברענט צום שונא פון זיין לאַנד!

נאָר אַ קויל פון וויסטן שונא
האָט געטראָפן אונדזער העלד;
ווי אַ זאַנג פון האַנט פון שניטער
איז ער געפאַלן אויפן פעלד.

און מיט זיינע לעצטע כוחות
ציט ער אוים צו ביקס זיין האַנט —
נאָר — צו שפעט... ער האָט זיין לעבן
אָפגעגעבן פאַר זיין לאַנד.

* *

ערגעץ ווייט אין דער אוקראַינע
וויינען ווערבעס אין דער נאַכט:
ס'האָט אַ ווינטעלע אַ טריבער
שלעכטע ניים צום דאָרף געבראַכט...

דער פֿליִער

פֿליט אַוועק דער בראַווער פֿליִער
פֿון זיין טעקסאַס שטעטעלע;
בלייבט זיין פֿרוי פֿאַרבענקט ביים טויער —
קינדער צוויי אין בעטעלע . . .

פֿליט ער איבער שטעט און רויכן,
פֿעלדער בלוט-פֿאַרגאָסענע;
ביז ער פֿאַלט אין שלאַכט פֿאַרוואונדעט,
ווי אַן אָדלער אַ דערשאָסענער.

קריכן וואָכן און חדשים,
ווי פֿון צייט דאָס ווייזערל;
נאָגן הערצער דריי פֿאַרבענקטע
נאָכן ליבן שפּייזערל . . .

קומט זיי אָן אַ בריוועלע
מיט פֿרעמדער האַנט געשריבענער;
דריקט אַ מאַמע צו איר האַרץ
יתומים צוויי פֿאַרבליבענע.

גלעט זי צאַרט צוויי קעפּעלעך, —
שטילט זי איין דאָס קלענערע:
ער האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן
פֿאַר אַ וועלט אַ שענערע!

אונדזער ענטפער

מיר וואָלטן אוודאי געדאַרפט זיך איצט פרייען
און געבן דעם כוס אַזוי פריידיק אַ הויב:
באַזיגט איז געוואָרן די ווילד־ברוינע חיה,
און וואַלגערט זיך ווי אַ נבלה אין שטויב.

אוודאי איז גוט, וואָס דער סוואַסטיקא־מאַנסטער
אין גסיסה זיך צאַפּלט, געצאַמט און געבונדן,
נאָר נעבלדיק זיינען נאָך די האָריזאָנטן
פון פינצטערער שנאה וואָס ער האָט צעצונדן.

נאָך ליידן אויף יענער זייט אונדזערע ברידער
פון אָפענע שונאים און כלומרשטע פריינט . . .
און גרויער קאָשמאַר פון דעם פינצטערן נעכטן
באַגלייט זיי אין וועג פון דעם ביטערן היינט.

און ס׳בלאַנדזשען פאַרוואָרלאָזטע קינדער־יתומים
אויף גאַסן און וועגן, אָן היים און אָן דאַך;
איז ווער קען עס בלייבן האַרט־הערציק, גלייכגילטיק —
אַזוי ווי געוועזן וואָלט עס ניט אונדזער זאַך?!

זאָל שטראָמען די הילף צום שארית הפליטה,
וואָס שטרעקן די הענט אויס צו אונדז פון דער ווייט:
געבענטשט זאָל זיין דער, וועלכער שטייט ניט פון ווייטן
און ענטפערט דעם רוף פון דער שעה, פון דער צייט!

אונטערן בּלויען הימל

אויפֿן דניעפּר

רואיק שלאָפֿט דער שטאָלצער דניעפּר
אין דער שטילער פרילינג-נאַכט;
ביי די זייטן — שורות לאַנגע
ווערבעס שטייען אויף דער וואַך.

און פאַרשפּרייטן שאָטנס-נעצן
איבער טייך דעם גלאַטן, קלאָרן.
שוועבט אַ פויגל שפעט אין לופטן,
ווי ער וואָלט זיין נעסט פאַרלאָרן.

קומט אַ ווינטל זיך צוטראָגן,
וועקט אַ וועלכל, וועקט אַ צווייטע;
גיט אַ קוש די וואַסער-פלאַכן:
— שלאָפֿט געזונט, — און מאַכט די פּליטה...

הויבט דער דניעפּר אָן זיך וויגן,
ציטערט אויף און שטילט זיך איין;
און פאַרהילט זיך אין אַ שלייער
פון לבנה-זילבער-שיין.

אויף אַ פּליטע ערגעץ ווייט
האָט ווער אַ פייער אָנגעצונדן;
אויבן האָט זיך די לבנה
דאָ באַוויזן, דאָ פאַרשוואונדן . . .

י אָ ס ע מ י ט י

יאַסעמיטי װעלי,
דו זיבעטער װאונדער!
איך באַװאונדער
באַזונדער
יעדן פעלז,
יעדן באַרג.
דאַכט זיך:
יעדער באַרג —
פאַר זיך אַליין.
נאָר ניין!
אַלע בערג —
איין האַרמאָניע;
אַלע קלאַנגען —
איין סימפאָניע!

הערט און זעט!
אַ יידישער פּאָעט
איז אַזש אַהער פאַרקראָכן
און — ס׳איז יום-טוב אינדערװאָכן.
שטייט ער, דער פּאָעט,
אַט-אָ דאָ.
די שעה
איז הייליק,
װאױליק;
חלק
עולם הזה
קריגט ער דאָ
אין דעם גן-עדן התחתון,
אין דעם באַזאַכטן.
יאָסעמיטי.

ביטע,
— זאָגט אַ מאַן —
און גיט אַ שפּאַן
צו מיר
ניט מיר, ניט דיר,
און רעדט:
— ווי שפּעט?
אַ ציגאַרעט
אויב איך פאַרמאָג?
— ניין, גיב איך אַ זאָג
מיט פאַרדראָס —
פאַרוואָס
ער שטערט די שטילע
אידיליע.
איך בין ניט פון די פּאַעטן
וואָס רויכערן ציגאַרעטן!
— אַ פּאָעט?
אַ־אַ־וואַ!

קריגט התפעלות אזא
דער מאַן (אַביסעלע אַ בלאַסער) —
אַט־אַ־דאָ־אַ אַ פּאָעט
איז דאָך טאַקע
ווי אַ פיש אין וואַסער!
וואָס איר וועט דאָ באַשרייבן,
וועט אויף דורות דאָך פאַרבלייבן.
— אייערע איינדריקע
אין ביכער דיקע,
ביכער גראָבע.

דערמאָנט עס מיך
אין מיין שוועסטער
שיינע־דאָבע.
זי קומט מיר גראָד איצט אויפן זינען,
ווייל אויך זי האָט ליב צו שפינען
חלומות
אין אַזעלכע מקומות.
וואוינט זי גראדע אין סאַנטא מאָניקא.
אַ האַרמאָניקא —
וואָלט געווען צו דעם
אַ טייערער גראַם! . . .
נאָר שטראָם־גראָם מאַך מיר אַ האַרמידער —
אַמער איך זעץ זיך ליבערשט אַנידער
ביים שפיגל־טייך.
ווי געראָטן
יעדער שאָטן,
שטיינדל,
חנ׳דל
פון דעם געגנט.
שיינט צי רעגנט —
שפיגלען אָפּ זיך
אין דעם טייכל,
וואָס האָט צו זיך ניט
קיין פאַרגלייכל!
האָט מען טאַקע דערפאַר דעם טייך
געשטעמפּלט מיטן זיגל:
„טייך פון שפיגל״.

שפּעט די נאַכט.
אין טאָל פאַרטראַכט
איך שטיי אַליין.
ווי שיין!
אויבן שטערן,
אונטן — בערן;
אויבן — די לבנה,
אונטן — אַזאַ סכנה!
אַז וואו דו שטייסט,
און וואו דו גייסט —
איז בערן!
וואָס איז דאָ צו קלערן?
דאַכט זיך — גאָר ציוויליזירטע,
געפּאָלירטע,
געטרעניִרטע, —
אָבער פּאָרט בערן!
ס׳טרעפט דו גיסט זיי עטוואָס מיט דער האַנט —
בלייבט ביי דיר דער אָרבל,
און ביי זיי —
די פינגער . . .
פרעגט מיך עפּעס גרינגער:
אויף וואָס דאַרף מען דאָ בערן?
גלאַט אַבי יענעמס פרייד צו שטערן!
נאָר זיי שטערן ניט מיין רו —
כ׳גיב אַן עצה זיך דערצו:
און עס טראָגן מיך די שיך,
וועלכע שטייגן
איבער דערנער,
איבער צווייגן,
אַלץ הויך און העכער —
צום „גלייזשער פּונקט״,
וואָס איז פון „עמפּאַיר סטייט״
נאָך העכער!

„גלייזשער פונקט״,
דו פרט פון אַלע פּרטים!
דער אָטעם
אַזש פאַרכאַפּט —
ווי איר זעט מיך אַ יידן!
אַ פרידן
באַהערשט מיין זעל.
איך בין אויפן שוועל
פון גן־עדן.
האַלט איין דעם אָטעם
פון צו ריידן:
ניט קיין ריר,
ניט קיין קלאַנג;
דאָך הערסטו אַ באַוועגונג,
דאָך הערסטו אַ געזאַנג.
נאָר דאָס זיינען
געזאַנגען,
קלאַנגען,
וואָס ניט דיין אויער,
נאָר דאָס האַרץ אַפּריער:
די דינסטע,
די איידלסטע געפילן
קאָנען זיי דערהערן,
קאָנען זיי דערפילן . . .

איך בין אויף דער העכסטע הויך
פון יאָסעמיטי:
וואָס פאַר אַ יצירה!
וואָס פאַר אַ בחירה!

יעדעס בלעטעלע —
אַ שירה;
יעדעס בלימעלע —
אַ תפילה.
גוואַלד, יידן,
וואו נעמט מען דאָ אַ לירע?!!!

* *

י אַ ס ע — מ י ט ע — וו ע ל י —
עפּעס קלינגט עס חידושלעך,
און כמעט ווי יידישלעך!
האַ?
אפשר איז דאָס גאָר אַ נאָמען
נאָך עפּעס אַ יאַשע און אַ וועליע?
שאַ —
מע זאָגט טאַקע: ס׳איז אַ סברה,
אַז די עשרה
שבטים,
וואָס האָבן זיך
פון מלכות יהודה אָפּגעבראָכן,
זאָלן האָבן אַזש
קיין אַמעריקע פאַרקראָכן;
און אַז די אינדיאַנער
און אינדיאַנערקעס
פון דידאָזיקע מדינות,
זאָלן זיך, הייסט עס, אָנקערן מיט אונדז —
קאָזינס און קוזינעס . . .
נאָר מאַלע וואָס מע זאָגט!
מע — איז אַ ציג.
און אַ ציג — האָט אַ באָרד.
האָט עס ווידער טאַקע מיך

אין מיין פעטער וועליע דערמאָנט —
מחמת ער האָט געהאַט
אַ ציגן־בערדל,
און זיין ווייב זעלדע־מאַטליע
האָט אים געלייגט
אין דר׳ערדל . . .
איז מיין פעטער וועליע, לשלום,
געווען אַ ייד אַ בעדער,
און דערצו נאָך געהאַלטן
אין אַרענדע — סעדער.
נו, איז וואָס נאָך באַדאַרפט איר?
האָב איך איינמאָל,
שבת נאָכן מפטיר,
מיט אַ חברה קונדיסים
פאַרלאָזט די שול —
די יידן מיט די בערד און טליתים
און —
הענדום־פענדום,
אין פעטער וועליעס סאָד!
אַ שאָד
וואָס גראָד
איז ער דאָרט געווען
און איז אויסגעוואַקסן
ווי פון אונטער דער ערד,
און פאַרטיילט אונדז אַ חלק —
אָט ווי מיר זיינען געווען ווערט . . .
און היינט נאָך, ביי די שורות שרייבן,
קען איך אַליין זיך ניט דערקלייבן
וואָס עס האָט אים מער געקענט פאַרדריסן:
די ווינפערלעך,
די עפּל, —
צי וויל אום שבת האָבן מיר געריסן?!

* *

ויהי ערב, ויהי בוקר —
וואונדער נאַר פון גאָט!
איך שטיי דאָ אין דער שטיינער־שטאָט.
ערשט ניט באַמערקט
און ניט געזען,
ווי און ווען עס איז געשען —
אוים פּראַכט!
אוים נאַכט! —
ווי אַ ניט־דאָ־געדאַכט
וואָלט עס פאַרשלונגען!
פייערדיקע צונגען
די שפּיצן־בערג
באַדעקן,
באַלעקן,
און עס צעוויקלט זיך
אַ נייע פּאַנאָראַמע.
ערשט איך דערזע פאַר זיך
אַ יונגע, שיינע דאַמע.
ווי איך מסתמא —
אַליין
אויפן שטיין
פאַרבראַכט
די נאַכט.
היינט גיי פאַרשטיי
גאָטס דרכים!
און זינג אים נאָך
שבחים . . .
מילא!

פון אַ פּאַטשיילע
נעמט זי עטוואָס אַרויס,
און שטרעקט צו מיר
איר הענטל אויס:
„מיסטער, וויל יו העוו
עי סענדוויטש אָוו העם?״
„טהענקיו — זאָגט איך — מעם״.
אַזאַ העזה!
אַזאַ פּראָזע,
אַזאַ פּאַנטאַזיעלאָזע!
אַז אין הימל —
אָט ווי אין אַ דרימל
וואָלקנס־שוואַנען,
קאַראַוואַנען
יאָגן, ציען, פליען,
האַלטן זיך אין בייטן.
פון דער ווייטן
קומען אָן צו רייטן
רייטער — איינס פון צווייטן
אַלץ פאַרשייטער —
אויף אַזעלכע אויסטערלישע פערד
וואָס מ׳זעט ניט גאַר דאָ
אויף דער ערד!
אין אָט אַזאַ־אַ אַטמאָספערע
וואָלט אַ סענדוויטש, „פּאָקריייני־מערי״ —
געהאַט עפּעס אַ האַפט,
ווען דאָס באַשטייט כאָטש
פון אַ האַלבן שטערנדל
איינגעטונקט אין לבנה־זאַפט.

און פאַרבייסן מיטן קלאַנג
פון אַ פייגעלעס געזאַנג,
און פאַרטרינקען מיטן שעמירירנדיקן שוים
פון די וואַסערפאַלן,
וועלכע קוואַלן,
שאַלן,
פאַלן,
ווי וואוּאַלן
פון אַ צאַרטן כלה־קאָפּ —
פון שפּיץ באַרג
אין טאָל אַראָפּ . . .
אָבער דאַ — „אַ סענדוויטש אָוו העם״ —
„טהענקיו, מעם״!
כ׳געזעגן זיך מיט דער דאַמע.
כ׳וואַרף אַ בליק
צו איר צוריק —
אַ געוואוינהייט שוין אַזאַ מסתמא! . . .

* *

אייזיק ניוטאָן האָט שוין לאַנג דערפינדעט
און באַגרינדעט:
וואָס עס גייט אַרויף,
מוז אַרונטער . . .
מונטער
לאָז איך זיך צוריק.
עס פאַלט מיין בליק
אויף די „מאַריאַפּאַזאַ״
און „וואַוואָנאַ״־בוימער;
בוימער — זינט די צייטן
פון כדר לעומר! . . .

אַט ליגט דאָ אויסגעצויגן ווי אַ גראָף
גאַטס באַשאַף —
דער „געפּאַלענער גיגאַנט״.
אַמאָל געווען
אַ בוים — אַ פּראַנט —
דעם הימל באַלד געקענט דערלאַנגען;
איז עס דער נאַטור
ניט איינגעגאַנגען.
(יעדער ווייס —
די נאַטור האָט פיינט
מ׳האַלט זיך גרויס).
האָט אַ בליץ
געטאָן אַ שמיץ
דעם גיגאַנט
צו דער ערד דער רויער;
אַ האַלב שטעטל
פון דעם איינעם בוים
פאַרבויען קאָנען בויער!
און כאָטש ער איז שוין צעגעסן
פון כל אַ וועטערן,
איז בלויז זיין רוקן
אָנצוקוקן —
אויף אַ לייטער מוז מען קלעטערן!
און אַט האָט גאָר אַ בוים פון „מאַריפּאָזע״
געהאַט די העזה
צו וואַקסן וועד ווייס וויפל טויזנט יאָרן,
וואו מאַשינען וועלן דאַרפן
דורכפאָרן.

האָט מען ד ו ר ך זיין מיטן
אַ וועג פאַר אויטאָס דורכגעשניטן;
און ד ו ר כ ן בוים פאָרט מען,
גייט מען;
און דער בוים —
ווי ניט אים מיינט מען! . . .

* *

וואונדער דאָ —
און וואונדער דאָרטן!
יאָסעמיטי —
אַ צויבערדיק פאַרכשופטער גאָרטן!
אַ שאָד נאָר, וואָס צו אַלץ
מוז נעמען דאָך אַמאָל אַן ענדע:
איז אויף ווידערזען, יאָסעמיטי,
דו, אויפן וואָר
אייביקע לעגענדע!



מיינע עלטערן ע״ה

מיט זיך אַליין

עס טרעפֿן מאָמענטן

איך ווער פֿון דער פֿרי ביז אין אָוונט
געטריבן פֿון לעבן אין שפּאַן:
צוויי קינדערלעך — גאָלדענע לייצעם —
איך בין דאָך אַ טאַטע, אַ מאַן.

איז ליב מיר מיין פֿרוי, מיין געטרייע,
און טייער מיין קליינע געזינד;
נאָר ס׳טרעפֿן מאָמענטן, זיי טרעפֿן:
כ׳דערפֿיל זיך אַליין נאָר אַלס קינד.

כ׳דערזע מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער,
מיין קינדהייט דערזע איך פֿאַר זיך:
פֿון אַלעמען בלויז איז פֿאַרבליבן
אַ שוועסטער, אַ ברודער און איך.

ס׳איז אַלץ ווי אין חלום אַריבער,
דער עבר דאָך נאָענט אַזוי;
אַ לעבן איז באַלד שוין פֿאַרגאַנגען —
מיין קאָפּ איז באַדעקט שוין מיט שניי . . .

איז גוט וואָס מאָמענטן בלויז טרעפֿן
ווען ס׳ווערט אַזוי ענג, אַזוי שווער —
אַז קיינער זאָל זען, זאָל הערן —
דערשלינגט זיך אין האַרצן אַ טרער.

ר ע ל אַ ט י ו ו

עס פֿאַלט אַמאָל אַ געדאַנק מיר איין:
וואָס קאָן נאָך ווערן וועלער
פֿון וואַסער זיין?
אַזויפיל ימים, אָזערעס און טייכן:
דער „דניעפּר", „דניעסטער", דער „כינגאַן",
דער „ירדן", דער „אמור"
און בירא בידזשאַן;
די „וואָלגע" און דער „דאָן",
„מיסיסיפּי"
און דער „אַמאַזאָן" —
אַזויפיל אָזערעס, אַזויפיל טייכן —
ניט איבערצוציילן!
„קאָלומביע", דער „נילוס",
און די „ווייכסל" אין פּוילן,
דער „יאַנגצעסע" און „געלער טייך",
דער „האָדסאָן" און דער „אירטיש" —
וואָס נאָך קאָן זיין ביליקער
ווי וואַסער אויף אונדזער טיש?

נאָר וויי צו דעם וואָס האָט
דורך מדבר וואַנדער-וואָגל
זיין וועג פֿאַרלאָרן, —
און פֿון זיין וואַסער-לאָגל
דעם לעצטן טראָפּן לאַנג פֿאַרצערט.
וויפֿיל האָט א י י ן טראָפּן וואַסער
דאַן די ווערט?!

* *

ווי גוט עס זיינען די מה־טובו יאָרן!
אין לעבן ערשט אַרויסגעפאָרן
מיט אַזאַ פאַרמעגן;
טעג און נעכט געלאַדענע,
ווי זאַנגען פולע,
אויף די פעלדער־וועגן!
איז — אַז ישיר:
„איך וואָלט ניט געשלאָפן
דריי נעכט נאָכאַנאַנד,
צו קושן דיין שיין פּנים
און האַלטן דיין האַנט . . .״

וואָס האָבן דאַן די ווערט
דריי טעג מיט דריי נעכט?
פאַרשווענדט מען זיי מיט פולער האַנט
אָן רעכענונג, אָן מאָס,
ווי עס פאַרשווענדט זיין לעצטן גראָשן,
לאַנדנדיק אין האַפן —
אַ שכורער מאַטראָס.
נאָר צו „עושה שלום״ —
ווען מ׳טרעט שוין אויף צוריק, —
לאַנגזאַמער דער גאַנג,
און טעמפּער ווערט דער בליק.
עס דעמערט שוין דער האָריזאָנט.
דער טאָג די וויעס באַלד פאַרמאַכט
די זון פאַרלאָזט די ערד,
און ס׳פאַלט שוין צו די נאַכט . . .
וויפיל האָט אַ טאָג, אַ שעה,
אַ רגע, ד א ן די ווערט???

נאקטורן

איך שטיי ביי מיין פענצטער
און קוק אין דער נאַכט.
עס הערט זיך פון ערגעץ
קיין רויש ניט, קיין קלאַנג.
איך ווייס ניט, איך קען ניט
מיין אומעט דערקלערן:
איך ווייס נאָר אַז עפּעס
טוט האַרציק מיר באַנג . . .

הינטער מיין פענצטער —
אויף זיידענע פליגלען
באַוועגט זיך די נאַכט
אַזאַ מילדע, אַ שטילע:
מיין פענצטער ווערט פלוצלונג
אַ הייליקער עמוד;
און איך — פון דעם צויבער אַרום —
דער בעל־תפילה!

אַ שטיין אין פֿעלד

עס שטייט זיך אַ שטיין אין דעם מדבר
פון טויזנטער דורות אַליין.
דאָך זאָג מיר, מיין פריינט, ווער איז איינזאַמער —
זאָג מיר: מיין האַרץ, צי דער שטיין?

אזוי שטייט זיך אַ שטיין אין דער מדבר —
געדריקט פון זיין משא — אַליין.
דאָך זאָג מיר, מיין פריינט, וואָס איז שווערער —
זאָג מיר: מיין האַרץ, צי דער שטיין?

אײנזאַמקײט

װען אײנזאַמקײט, אומעט
באַהערשן מײַן זינען,
װען ענג װערט מײַן צימער
קײן אָרט צו געפינען —
און ס׳פעלט מיר אַ פרײַנט,
מיט אַ חבר אַ גוטן,
צו טײלן מײַן גורל
אין שװערע מינוטן —
דאַן נעם איך מײַן טאָג־בוך
און זוך אין די בלעטער
פון לאַנג שוין פאַרגאַנגענע טעג
און פון שפּעטער.

עס װילט זיך געפינען
אַ טאָג דאָך — װען פרידן
באַהערשט האָט מײַן זעל,
װען מײַן האַרץ ט׳ניט געליטן.

איך בלעטער מײַן טאָג־בוך
און דוכט איך װאָלט פילן —
די בלעטער װי זיפצן
אין קרעכצן אין שטילן
נאָך טעג װעלכע זײַנען
אָן זונען פאַרגאַנגען;
נאָך זעלטן פאַרװירקלעכטע
הײסע פאַרלאַנגען.

וואויל איז אַמאָל

וואויל איז אַמאָל
אין אַ רעגנדיקער נאַכט.
זיצסט אין צימער
פאַר שעה'ן פאַרטראַכט.

ווייט פון באַקאַנטע,
פון נאָענטע פריינט;
טראַכסט ניט פון נעכטן,
און ס'אַרט נימו דער היינט.

און פלוצלונג לעבט אויף
דאָס פאַרגאַנגענע־ווייט;
דערמאָנסט זיך פון דעם
וואָס „פאַרהיילט" האָט די צייט.

פאַנטאַזיעס וואָס זיינען
צערונען ווי ווינט;
חלומות וואָס דיר האָט
דיין יוגנט געשפינט.

ווערט אַזוי גרינג
און עס ווערט אַזוי שווער;
און עס פאַלט פון די אויגן
אַ טרער נאָך אַ טרער.

שיינע נשמות

מלכה חפץ־טוזמאַן

גערבענטשט זאָלן זיין יענע שיינע נשמות,
וואָס ליידן און פילן דעם אַנדערנס פיין;
וואָס טרייסטן און היילן דעם נאָענטסטנס וואונדן,
ווי שווער זייער אייגן האַרץ זאָל ניט זיין . . .

נאענטע און ליבע

ליבעלען אַ מתנה

(צו אונדזער ביינצן יאָר צוזאַמענלעבן)

עס האָט אויף מיר מיט גנאָד געדעגנט
דעם טאָג וואָס איך האָב דיך באַגעגנט,
און ס'האָט מיין האַרץ מיך ניט גענאַרט:
ווי גלאָקן יום־טובדיק צעקלונגען,
אַ פרייד אין מיר האָט זיך צעזונגען:
ס'איז די נאָך ווֹעמען האָסט געגאַרט!

זינט דאָן באַלד צוואַנציק יאָר פאַראיבער,
דאָך וואָס אַ טאָג, אַלץ ווערסטו ליבער;
ווי באַגעגנט דיך וואָלט איך ערשט היינט.
פון לידער וואָס איך האָב געשריבן,
ביי מיר דאָס שענסטע ביסט פאַרבליבן,
מיין איינציקער, מיין לעבנס־פריינט!

און ווען דער שוואַרצער ראָב געלויערט
האָט איבער דיר, — מיין האַרץ געהויערט,
האָט מיט ליבע־איבערגעבנקייט און צער,
מיט צאַרטקייט דיך אַרומגעשפּונען,
ביז איך האָב דיך אַרויסגענומען
פון די נעגל פון געפאַר.

און אַזוי ביז טיפן עלטער,
ווי אַלט־געלויטערט וויין פון קעלטער, —
זאָלן זיין אונדזערע טעג;
אַז אונדזער בחורל און מיידעלע,
ווי זייער מאַמע — צאַרט און איידעלע
באַשיינען זאָלן אונדזער וועג!

צום צוריקגעקומענעם סאָלדאַט

מיין קאָזין מאַיאָר ל. פרייברון
דר. אין צווייטער וועלט־מלחמה

ווי פיינלעך געווען איז אונדזער צעשיידונג —
איז ליב איצט דיין קומען, ליבהאַרציקער גאַסט!
עס האָט אונדזער בענקשאַפט צו דיר זיך געצויגן
דורך שווערע מעת־לעתן, ווי בלייאיקער לאַסט.

עס איז ניט מיט בלומען און ניט מיט טאַפּעטן
דער וועג אַ געשפּרייטער פאַר קריגער אין שלאַכט;
אין אַלע געפאַרן וואָס האָבן געלויערט
אויף דיר דורכן טאָג, דורך פאַררעטערישער נאַכט,

מיר זיינען געווען צו דיר אַזוי נאָענט —
אין שוצגרוב און „פוקס־לאָך", אויף איטלעכן אָרט.
מיט קלאַפּנדע הערצער דערוואַרט אומגעדולדיק
פון דיר אַ ידיעה, אַ טרייסטנדיק וואָרט.

און אָט איז די גליקלעכע שעה דאָך געקומען
נאָך וועלכער מיט האָבן זינט יאָרן געגאַרט:
מיט אונדז ביסטו ווידער, מיט אונדז שוין אויף שטענדיק;
ווי גוט וואָס מיר האָבן לסוף זיך דערוואַרט!

איז שלום עליכם, מיט ליב איז דיין קומען!
מיט ליבשאַפט מיר נעמען דיך אַלע אַרום;
אַז וויסן מיר זאָלן שוין מער פון קיין שיידונג,
און שלום זאָל זיין אויף דער וועלט אומעטום!

ס׳איז געווען

מיין ליבן שוואָגער און פריינט מ. באַראַן
צו זיין זעכציק־יאָריקן געבורטסטאָג

ס׳איז געווען — ס׳איז געווען —
טאַקע ווי לאַנג איז דאָס געווען
ווען איך האָב מאיר׳ן
צום ערשטן מאָל דערזען?

אַ האַרבסטיקער פרימאָרגן
אין אוקראַינער שטעטעלע „מענאַ״.
דער טאַטע זאָגט:
„נו, קום מיין זון״.
די מאַמע — אַן אומעטיקע אַזאַ:
דאָס פירט דער טאַטע דעם מוזיניק
צו ברוך אסתר׳ס
זיך לערנען סטאָלעריי.
„מלאָכה איז מלוכה״ —
אַן אַרבעט קענען איז כדאי . . .

צוואנציק ווערסט צו־פוס געגאנגען.
באגלייט פון גרויע וואָלקן־פלאכטעס
וואָס זיינען איבערן קאָפּ געהאנגען.
אַ האַרבסטיק ווינטל האָט באַוויינט דאָס פעלד
וואָס האָט זיין קרוין פאַרלאָרן:
ערשט־געשניטן גערשטן, ווייץ און קאָרן
געוואָלגערט האָבן זיך אין סנאָפּעס,
ווי באַזיגטע זעלנער נאָך אַ שלאַכט . . .
און קיין „סאָסניצע" געקומען
ווען געווען איז שוין פאַרנאַכט.
אַריין אין ברוך'ס הויז —
איז דאָרט געווען:
ברוך, חיה־שרה,
און קינדערלעך אַ זיבן.
נאָר מיין בליק איז הענגען געבליבן
אויף אַ בחורל — אַ זעכצן יאָר:
בלויע אויגן, בלאָנדע האָר.
פריינטלעך האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר
זיין סטאָלאַרסקע האַנט:
„מאיר — איז מיין נאָמען.
דיינער? — לאָמיר זיין באַקאַנט!"

פיר און פערציק יאָר איז שוין
זינט דאַן פאַרלאָפן.
ווײ, ווײ, וואָס עס האָט זינט דאַן
אין לעבן אונדזערן געטראָפן!
„נער הייתי וגם זקנתי״ —
פון יענע טעג — ווי ווייט מיר האָבן זיך פאַרקליבן:
פון אונדזער היים און נאָענטסטע
איז באַלד שוין קיינער ניט פאַרבליבן;
נאָר די פריינטשאַפט וואָס מיר האָבן
אין אונדזערע פרילינג־טעג פאַרזייט,
האָט דורך די אַלע יאָרן
אונדז אויף אונדזער וועג באַגלייט . . .
ווי עס טרעפט אין גאַנג פון יאָרן —
אַמאָל אויפן הימל העלסטן קלאָרן —
באַווייזט זיך דאָך אַ כמאַרעלע,
אַ שאָטן —
האָבן צוויסטיקייטן זיך געטראָפן —
אָבער אונדזער שוועל
ניט אויף לאַנג באַטראָטן . . .
פריי איך זיך מיט דיר היינט מיט —
מיט דיר — דעם מענטש, דעם פריינט און ייד.

חנה

אַט זע איך די הויז פון רב שליאָמע דעם קלעזמער.
איך וואָלט שווערן, איך הער די קאַפּעליע:
איך שפּיל די וואלטארניע, און בער — דעם טראמבאָן,
עס הויבן זיך טענער צו סטעליע.

עס הויבן זיך טענער צו סטעליע. און שליאָמע —
ער שטייט מיטן סמיק איבער מיר:
עס־טאַ־טאַ — עס־טאַ־טאַ — אַ רוח אין דיין טאַטן!
קיין לייט וועט ניט זיין שוין פון דיר!

איז טאַקע קיין לייט שוין פון מיר ניט געוואָרן;
אומזיסט פון די נאָטן געליטן . . .
און גאָר אין מיין יוגנט האָב איך די וואָלטאָרניע
אויף זעג און אויף הובל פאַרביטן.

און קינדערלעך זיינען געווען אָן עין־הרע
ביי שליאָמען אין שטעטל „מענאַ‟.
גאָר מער פון זיי אַלע געדענקט זיך מיר חנה —
שטענדיק אַ שטילע אַזאַ.

האָט שליאָמעס קאַפּעליע געשפּילט אומעטום:
אין טעאַטערס, אויף חתונות, בעלער;
און כאָטש פול איז געווען דאָס הויז מיט מוזיק, —
איז אָפט געווען ליידיק אין טעלער . . .

האַט חנה דערפֿאַר, נאָך כמעט גאָר אַ קינד,
נעבן פּענצטער ביים זאָקן־מאַשין,
געזעסן גאַנץ אָפּט ביז אין שפּעט פון דער נאַכט —
געפּירט מיטן הענטל אַהער און אַהין.

געפּירט מיטן הענטל אויף רעכטס און אויף לינקס,
און איבער מאַשין איינגעבויגן;
חלילה ניט מאַכן קיין טעות אין צאָל —
געציילט פון די זאָקן די „אויגן".

עס האָט די מאַשין, ווי אַ חיה אין הונגער,
געשלונגען די פעדעם ביים וועבן;
אין יעטווידן זאָק איז געוועזן פאַרשפּינט
אַ טייל פון איר קינדערשן לעבן! . . .

ל אַ נ ד ס ל י י ט

דעם מעניער פֿאַראיין געווידמעט

די שטענדיקע טעגלעכע זאָרגן,
ווי גרויס זאָלן זיין אָדער קליין —
פֿאַרגעסן מיר זיי ביי אַ יום־טוב
פֿון לאַנדסלייט „מעניער פֿאַריין״.

מיר פֿילן זיך דאָ ווי „געקניפּטע״,
ווי פּעדים צוזאַמענגעשפּינט;
געדענקען מיר איינער דעם צווייטן —
ווען ס׳האָט נאָך די יוגנט געגרינט . . .

און קוים האָבן נ י י ע אידייען
צו אונדזער קליין שטעטל דערגרייכט,
אַזוי זיינען הערצער געוואָרן
מיט קאַמף פֿאַר באַפֿרייאונג געהויכט.

מיר האָבן אין שטראָם זיך געוואָרפֿן:
אין קאַמף פֿאַר דער „אַרבעטער־זאַך״;
איז ווער קען, חברים, פֿאַרגעסן
די בירזשע אויף „סאָסניצער שליאַך״?

וואו ס׳האָבן צום ערשטן פֿאַרקלונגען
דאָן — ווערטער גאַנץ ניי פֿאַר „מענא״:
דער „בונד״, און „עס־עס״, „ציוניסטן״,
„סאָציאַל־דעמאָקראַטן״, „איסקראַ״.

עס האָט זיך געדאַכט: אָט היינט־מאָרגן —
די מענטשהייט, די וועלט ווערט באַפֿרייט;
געבליט האָבן העלע חלומות, —
נאָר מיט לאַנגזאַמע טריט גייט די צייט!

מיט לאַנגזאַמע טריט גייט די צייט;
דאָך די יאָרן זיי פֿליען געשווינד,
ווי עס פֿליען די בלעטער פֿון צווייגן
אין שפּיל פֿון דעם האַרבסטיקן ווינט.

און ס׳האָט, ווי די בלעטער אין שטורעם,
די האַנט פֿון שיקזאַל אונדז צעזייט;
און ווייט איבער גרענעצן פֿרעמדע
דערוויַיטערט געוואָרן — צעשפּרייט.

זינט דאַן — וויפֿיל שטורעמס פֿאַראיבער!
זינט דאַן — וויפֿיל וואַסער פֿאַרלאָפֿן!
און אָט האָבן מיר ווידער, חברים,
אין גאַנג פֿון דער צייט זיך געטראָפֿן!

דערמאָנען מיר וויַיטער און ווידער
פֿיל מעשׂות פֿון וויַיטן אַמאָל;
דערמאָנט זיך אפֿילו „פּריטוליכע״ —
אַ טעמע איז „חיים קוריאַל״ . . .

און אָליע דערמאָנט ווי איר טאַטע
אַהיים האָט אַ גענדזל געבראַכט;
ווי אַזוי מיט דער גאַנדז צו באַגיין זיך —
פֿאַרשידענע פּלענער געמאַכט:

אַ שאָד מיטאַמאָל עס פֿאַרטאַכלען, —
איז וועט מען עס קאָכן צוביסלעך:
אויף זונטיק דעם לעבער און פּופּיק;
מאָנטיק — פֿאַרוטקעס און פֿיסלעך.

דאָס קעפּל, די קישקעס און העלדזל —
אויף דינסטיק און מיטוואָך באַקלערט;
נאָר די הויפּט פון דער גאַנדז אויפצועסן
פאַר זיי איז געווען ניט באַשערט:

ווייל דאָנערשטיק איז שוין דאָס גענדזל
געוועזן גאַנץ היפּשלעך ניט פריש;
און פרייטיק איז מען אַזש צעלאָפן
מיט נעזער פאַרשטעקטע פון טיש . . .

און צענדליקער אַנדערע שפּאַסן —
פאַר זייטיקע — אפשר קיין זין . . .
פאַר אונדז אָבער — ליב און ווי טייער;
ס׳איז פאַרבונדן מיט אונדזער „באַגין״!

אוקראַינישע לידער דערמאָנען
אין לאַנקעס און מטעפּעס באַגראָזט;
אויף ווערבעס ביים דרימלענדיק טייכל,
וואָס מיר האָבן אויף אייביק פאַרלאָזט.

איז גוט נאָך די טעגלעכע זאָרגן —
ווי גרוים זאָלן זיין אָדער קליין —
צוזאַמען זיך טרעפן ביים יום-טוב
פון לאַנדסלייט „מעניער פאַראיין״!

דאָס שלעכטע בערעלע

מיין זונעלע אַ מתנה

איך בין אַ גוטס אינגעלע,
איך האָב געפאָלגט דער מאַמען.
— און ווער איז דען געווען שלעכט?
— דאָס בערעלע מסתמא!

אַי איז דאָס אַ שטיפערל
אָט דער טעדי-בערעלע:
אַ טישטעכל האָט ער צעשניטן
מיט דער מאַמעס שערעלע.

ניט געוואָלט די קאַשע עסן,
און די מילך פאַרגאָסן;
מיט אַ „ביבי־גאָן" אין קיך
אַ שייבעלע צעשאָסן.

און אין רעגן און אין בלאָטע
וויל ער נאָר זיך שווענקען;
דאַרף מען אים אַריינשמייסן,
אַז ער זאָל שוין געדענקען! . . .

יוגנט מאַרש

יהודיתן — מיין ליבער,טייערער מיידעלע

— איינס און צוויי און דריי און פיר
יונגע קינדער זיינען מיר:
קינדער פון דעם קינדער־רינג;
יעדע אַרבעט איז אונדז גרינג!

— פינף און זעקס און זיבן און אַכט
פון דער פרי ביז ס׳קומט די נאַכט,
הילכט די שול מיט פרייד און קלאַנג
פון אונדזער שפּילן און געזאַנג.

— יעדעס קינד — אין קייט אַ רינג
איז דאָס לערנען אַזוי גרינג.
זינגט זשע, קינדער, פון דאָס ניי,
ווי אין פעלד דער פויגל פריי.

— איינס און צוויי און דריי און פיר
יונגע קינדער זיינען מיר;
קינדער פון דעם קינדער־רינג;
יעדע אַרבעט איז אונדז גרינג!

דאס אייביקע ליד

האָסט אַ שפּיל געטאָן מיט מיר

האָסט אַ שפּיל געטאָן מיט מיר
ווי זומער־ווינט אין קאָרן;
אַ שטיף געטאָן, אַ פֿלי געטאָן,
און אוים — און ניט געוואָרן.

האָסט אַ צינד געטאָן מיין הארץ
מיט טויזנטער פֿאַרלאַנגען,
און ווי זון אין שקיעה־צייט —
אין פֿלאַמען ביסט פֿאַרגאַנגען.

ווי אַ מעטעאָר אין רוים,
וואָס ווערט אין לופֿט צעפֿלאָסן;
אַ שיין געטאָן, אַ לויכט געטאָן,
און אוים — און זיך פֿאַרלאָשן.

נאָר מיין בענקשאַפֿט פֿאָלגט מיך נאָך
אויף אַלע מיינע וועגן,
ווי עס בענקט דאָס פֿעלד אין הארבסט
נאָך פֿרילינגדיקן רעגן.

עס מאָלט מיין דמיון דיך ביז היינט
אין ליכטיקסטע אוזאָרן.
ניין, ס׳איז ניט געווען אומזיסט:
ביסט אין מיין ליד פֿונ׳סניי געבאָרן! . . .

צום אָפּשייד

ווי האַסטיק עס דרייען די ווייזער,
פאַרדרייען אַ שעה נאָך אַ שעה —
מינוט פון צעשיידונג איז נאָענט:
אָט באַלד — און דו ביסט שוין ניטאָ!

די שיף האָט די זעגלען פאַרצויגן.
עס יאָגן זיך כוואַליעס צום ברעג,
גרייטע די שיף צו דערשלינגען —
מיט איר — מיינע פריידיקע טעג!

פלאַטערט מיין בענקשאַפט אַריבער
די זעגלען אויף וואַסערן טיף;
ווי פליגל-געפלאַטער פון פויגל
פון ברעג אויף דערווייטערטער שיף.

אַ שאָד

אַ שאָד, מיין פריינט, אַ שאָד,
וואָס די ראָד פון צייט
באַוועגט זיך אַזוי האַסטיק,
אַזוי שנעל;
און פאַרדרייט די שענסטע טעג
פון אונדזער לעבנס-שוועל . . .

און מיט ציטערדיקע פינגער,
ווי אַ חלפנ׳טע די צייט,
טוישט, ווי גראַשנס, „היינטס״ אויף „מאָרגנס״,
„נעכטנס״ אונדזערע אויף „היינט״.

איז אַ נעכטן אויך געוואָרן
יענע אָרענדזש-צוויטן פרילינג-נאַכט;
זיינען נעכטנס אויך געוואָרן
יענע פריידנספולע פרילינג-טעג,
וואָס דו,
האָסט מיר געבראַכט.

ו ו ע ר ו ו י י ס

ווער ווייס —
אפשר האָט די אייפערזוכט פון געטער
מיך פון דיר פאַרטריבן.
ניט מיין ווילן האָט דעם וועג פון שיידונג
אויסגעקליבן.

נאָר מיין בענקשאַפט איז פאַרבליבן
אין די וועלן, וועלכע זוימען
דעם פּאַסיפיקס ברעגן.
אין דעם אַראָמאַט
פון אָרענדזש-צוויט,
אין דעם זאַמד און שטויב,
וואָס קושן דיינע טריט,
אויף דיינע וועגן.
אין די שאָטנס פון די קעניאָנס,
אין די פאַלדן פון די בערג,
וואָס האַלטן
סודות אייביקע באַהאַלטן . . .

אין יעדער רויז,
אין יעדן בלומען־בלעזל,
אין יעדן טוי־באַדעקטן גרעזל,
וועלכע וואַקסן ביי דיין פענצטער —
בליען ביי דיין טיר —
בליט אַרויס מיין שטילע בענקשאַפט
צו דיר!

צו וואָס?

צו וואָס זאָלסטו יעדן טראָט דיינעם ציילן
אַזוי ווי אַ בעטלער זיין גראָשן־געשאַנק?
געדענקט: וואָס געווען וועט צוריק זיך ניט קערן;
דאָס איצטיקע וועט ניט געדויערן לאַנג!

ס׳וועט גאָרניט פאַרהאַלטן דעם שטראָם פון די יאָרן
וואָס וועלן פאַרלוירן אין אייביקן בייט
אפילו דער פלאָם פון וואולקאַנישן פייער
מוז אויך זיך פאַרלעשן אין גאַנג פון דער צייט!

ע ל ע ג י ע

וואָלט אונדזער באַגעגעניש אַנדערש געווען —
ווי צוויי שיפֿן, וואָס פֿעלן זיך דורך אויפֿן ים,
אינמיטן דער נאַכט
אויף וועגן אויף צוויי —
וואָלט בעסער געווען.

וואָלט אונדזער באַגעגעניש אַנדערש געווען —
ווי צוויי פֿויגלען, וואָס קרייצן איבער די לופֿט
אין בלינדן געאייל
צו נעסטן צו צוויי —
וואָלט בעסער געווען!

ד ע ר א י נ ע ר ו נ ג

אידא פאטאפאווסקין

מיט בענקשאַפט דערמאָן איך די הערלעכע טעג,
וואָס זיינען אויף אייביק פאַרשוואונדן:
איך האָב דיך באַגעגנט, און ס'האָט זיך מיין הארץ
מיט ליבע צו דיר אָנגעצונדן.

מיר זיינען געזעסן אין וועלדל ביים טייך.
דער טאָג אומבאַמערקט איז אַנטרונען.
אין שטילן גערויש האָט געסוד'עט דער וואַלד —
אונדז יוגנט-חלומות געשפּונען.

עס האָט אין אידילישער שטילקייט דער טייך
זיך ריטמיש אין ערגעץ געטראָגן,
און האָט אויף זיין וויט, ניט-פאַרשטענדלעכן וועג —
אַ חלום אויף אייביק פאַרטראָגן.

וואו ביסטו אַצינדערט, אַ הארציקער פריינט?
וואו האָט דיך דער שיקזאַל פאַרטראָגן?
עס האָט זיך דער הארבסט נאָכן פרילינג פאַרבענקט —
און שטאַרקער מיין הארץ הויבט אָן שלאָגן . . .

קום מיט מיר

קום מיט מיר, פריינט, און ניט צווייפל, ניט פרעג:
ווי גוט איז אין צווייען זיין אייניק!
טעג פון אנטוישונג ווי אפט אונדז באגלייטן;
מאמענטן פון פרייד — אזוי ווייניק.

קום מיט מיר, פריינט, ס׳איז די נאכט אזוי שיין:
לבנה, אין זילבער געפורעמט.
רונד און ארום אזוי צויבערדיק־שטיל:
בלויז אין מיין הארצן עס שטורעמט.

העל איז די נאכט, נאר ליכטיקער שיינען
דיינע צוויי אויגן — צוויי בלענדנדע זונען.
זים דיינע ליפן — א קוואליקע פרייד,
ווי פארן וואגלער אין מדבר א ברונעם.

קום מיט מיר, פריינט און ניט צווייפל, ניט פרעג:
ווי גוט איז אין צווייען זיין אייניק!
טעג פון אנטוישונג ווי אפט אונדז באגלייטן;
מאמענטן פון פרייד — אזוי ווייניק.

ווי אַ שטראַל אַ ליכטיקער

ווי אַ שטראַל אַ ליכטיקער,
וואָס רייסט אַ גרויען וואָלקן דורך —
ליכטיקט אויף אַ שטילע פרייד
אין מיין נעבלדיקן היינט.

לעבן אויף חלומות זיסע,
וועלכע איך און דו אַמאָל
געחלומט האָבן אויפן וואָר
— מיין פריינט.

אין שפּיגל

שטיי איך מיר און קוק אין שפּיגל —
ווערט מיר גרינג אַזוי און גוט:
נעכטן ערשט האָט אויף דעם פּנים
איר פאַרבענקטער בליק גערוט . . .

איבערזעצונגען

וואַרט אויף מיר

רוסיש: ק. סימאָנאָוו
מוזיק: מ. בלאַנטער

וואַרט אויף מיר, איך קום צוריק
פון מיין ווייטן וועג!
וואַרט אויף מיר אין אומעטיקע
אָסיענדיקע טעג;
וואַרט אויף מיר אין שנייאיקע
ברענענדיקע פרעסט;
וואַרט אויף מיר אפילו ווען
יעדער פריינט פאַרגעסט!
וואַרטן זאָלסטו ווען עס קומט
לאַנג קיין בריוו צו דיר;
וואַרט, ווען יעדער ווערט שוין מיד
וואַרטנדיק אויף מיר!

וואַרט אויף מיר, איך קום צוריק!
האָס די יענע לייט,
וואָס האָבן שוין באַשטימט
צו פאַרגעסן — צייט
זאָלן גלויבן מוטער, זון:
איך בין לאַנג שוין טויט.
זאָלן פריינט פון וואַרטן מיד,
ביי דעם פייער־רויט,
אויסטרינקען אַ גלעזל וויין
פאַר מיין „אָרעם זעל".
וואַרט, נאָר דו ניט טרינק מיט זיי —
ווייך פון זייער שוועל!

וואַרט אויף מיר, איך קום צוריק —
להכעיס יעדן טויט!
די וואָס האָבן ניט געוואַרט,
האָבן שלעכטס געזייט!
קיינמאָל וועלן זיי פאַרשטיין,
ווי פון פייער־בראַנד —
מיט דיין וואַרטן מיך דערגרייכט
האָט דיין רעטונג־האַנט;
ווי דו האָסט געשטאַרקט מיין האַרץ
און מיין שווער געמיט, —
ווייל בלויז דו געקענט האָסט וואַרטן
ווי נאָך קיינער ניט!

ס׳איז אַלץ איינס

רוסיש: מילוטין
מוזיק: סאלאדאר

כ׳האָב דערהאַלטן אין שוץ־גרוב אַ פּעקל.
מיט ווארעמקייט האָט עס געהויכט;
ווי אַ ליבער גרוס פון מיין דערפל
וואָלט פלוצלונג אַהער מיך דערגרייכט.

און אויפן פּעקל געווען איז
געשריבן אַן אַדרעס אַזוינס:
„צו יאַשען, צו סאַשען, צו פּאַשען —
ס׳איז אַלץ איינס, ס׳איז אַלץ איינס״!

כאָטש איך בין קיין איינס פון די נעמען,
צו וועמען דאָס איז אַדרעסירט;
דאָך האָט מיך די שיינע מתנה
ביז טיף אין מיין הארצן גערירט!

און דער, וואָס געשיקט האָט דאָס פּעקל,
פאַרזיכערן וועל איך בלויז איינס:
זענט איר מאַשאַ, נאַטאַשאַ, צי דאַשאַ —
ס׳איז אַלץ איינס, ס׳איז אַלץ איינס! . . .

איך שווער צו באַדאַנקען פּערזענלעך —
זאָל ענדיקן נאָר זיך דער קריג:
מיר וועלן צוזאַמען זיך פרייען
מיט דעם ענטגילטיקן זיג!

מעג זיין אונדז באַשערט זיך צו טרעפן
אין אַ שטעטל — אַ גרויס צי אַ קליינס —
אפשר מינסק, אפשר פינסק, אָדער דווינסק —
ס׳איז אַלץ איינס, ס׳איז אַלץ איינס! . . .

עך, גוטע ברידער

(אוקראַיניש)

עך, גוטע ברידער,
וואָס זענט איר ווידער
אַזוי אומעטיק, צעטראָגן?
סיידן אין שענק
איז בראָנפן וויניק,
קיין מעד און קיין ביר וועט טראָגן?

פולע בעכער
גיסט זשע אָן גיכער;
ס'זאָל זיך אַריבערגיסן —
ס'זאָל אונדזער גליק
ניט גיין אויף צוריק —
פון אַלדאָס גוטס זאָלן מיר געניסן!

טרינקט זשע, חברים,
בראַווע בחורים,
טרינקט נאָר אָן דאגות, אָן זאָרגן;
טרינקט פאָרן לעבן
צו וועלכן מיר שטרעבן —
צום העלן, צום ליכטיקן מאָרגן!

ט א ט ש א נ ק א

רוסיש: מ. רודערמאַן
מוזיק: ק. ליסטאָוו

פלי, דו פויגל, פייל פון בויגן,
שונא, פונם וועג טרעט אָפּ!
שטויב ווי וואָלקן איז פאַרצויגן —
און די פערד אין בליץ־גאַלאָפּ!
מיט געוואַגטקייט און מיט בראַווקייט
גיט דער „פולעמיאָט" אַ זינג;
אין געדיכטעניש פון שונא
„שטעפּט" דער פולעמיאָטן־יונג!

צוזינג:

עך, טאַטשאַנקע,
ראָסטאָווטשאַנקע,
אַ, בודיאָנישע טשאַטשאַנקע,
רויט־אַרמייאישע טאַטשאַנקע —
פלי אויף רעדער אַלע פיר!

עך, אַרום דעם דאָן און וואָלגע —
איבער סטעפּ אין פולן שוואונג;
אַ צעהיצטער, אַ צעפלאַמטער,
טראָגט זיך פולעמיאָטן־יונג!
אונטער אים — זיין ניט־געצאַמטער
ברוינער און געטרייער פערד
יאָגט זיך, טראָגט זיך אומגעדולדיק,
קוים וואָס ער באַרירט די ערד!

צוזינג:
עך, טאַטשאַנקע . . .
קיעווליאַנקאַ,
אַ בודיאָנישע טאַטשאַנקע,
רויט־אַרמייאישע טאַטשאַנקע —
פלי אויף רעדער אַלע פיר!

איבער ערד עס רוישן טאַנקען,
לופט איז פול מיט פולווער־רויך;
פון בודיאָנישער טאַטשאַנקע
זינגען פליער הימל־הויך!
און עס חלום׳ט זיך דעם שונא:
ס׳רעגנט שטאָל און בליי געדיכט;
און דער יונגער פולעמיאָטשיק
מיט זיין מוטיקן געזיכט!

צוזינג:

עך, טאַטשאַנקע . . .
פּאָלטאַווטשאַנקאַ —
אַ בודיאָנישע טאַטשאַנקע,
רויט־אַרמייאישע טאַטשאַנקע —
פלי אויף רעדער אַלע פיר!

אין אָוונט

פון רוסישן

וועז די זון פאַרגייט אין אָוונט,
שלייכט אַ בחור ביי מיין הויז.
ווינקט צו מיר בלויז מיט די אויגן —
רעדט קיין איינציק וואָרט אַרויס.

וואָס קען באַדייטן
זיין ווינקען פון ווייטן,
זיין ווינקען פון ווייטן,
זיין ווינקען פון ווייטן?

ווען איך קום צו אַ פאַרוויילונג,
נאָר ער זינגט און נאָר ער לאַכט;
און ביים געזעגנען זיך ביים טויער,
ווערט ער אומעטיק, פאַרטראַכט . . .

ווער קען דערקלערן,
זיין אומעטיק ווערן,
זיין אומעטיק ווערן,
זיין אומעטיק ווערן?

איך האָב צוויי בריוו פֿון אים דערהאַלטן —
עפּעס סודות׳דיק, פֿאַרשטעלט:
יעדע שורה פֿול מיט פּינטלעך —
טרעף אַליין אויב דיר געפֿעלט!

ווער קאָן זיך דערקלייבן
אין אַזאַ שרייבן,
אין אַזאַ שרייבן,
אין אַזאַ שרייבן?

איך האָב ניט אָנגעהויבן טרעפֿן:
האָף אומזיסט ניט און ניט וואַרט!
דאָך מיין האַרץ אין מיר האָט עפּעס
אַזוי אנגענעם געגאַרט! . . .

ווער בעט אים?
ווער ווייסט אים?
צו שרייבן ווער הייסט אים?
צו שרייבן ווער הייסט אים?
צו שרייבן ווער הייסט אים?

טיכעלע בלויע

רוסיש: ד. ז. גרונעס

בלואינקע טיכל באַשיידן
האָט דיינע אַקסלען פאַרשפּריט.
געזאָגט האָסט ניט איין מאָל:
פאַרגעסן וועסט קיינמאָל } צוויי מאָל
די זיסע, די צערטלעכע רייד.

צוזינג:

אַוועק די פרייד.
מיר האָבן, מיין פריינט, זיך צעשיידט.
טיכעלע בלויע,
טעג זיינען גרויע — } צוויי מאָל
פריינט מיינע — איינציקע פרייד.

פאַרסט אין אַ געגנט אַ ווייטע, —
באַלד, און דו ביסט שוין אין וועג:
פריינט, זאָלסט מיר שרייבן,
פרעמד ניט פאַרבלייבן; } צוויי מאָל
דערפריי מיינע איינזאַמע טעג.

צוזינג:

ווי אָפט אַ נאַכט
פאַרבראַכט ביז אין טאָג דו און איך —
ווי דו וועסט מיר פעלן,
מיין הימל, דעם העלן, } צוויי מאָל
פאַרטראָגן גאַנץ ווייט האָסט מיט זיך!

געדענקסטו דעם טאָג פון צעשיידונג?
צום דרימלענדיק־שטילינקן טייך —
דו ביסט געקומען, \
געבראַכט האָסטו בלומען } צוויי מאָל
אין בלויאינקער טיכל פון זייד. /

צ ו ז י נ ג :

און ניט איינמאָל
טרוים איך: איך זע, דאַכט זיך, קלאָר:
שטערן און בלומען
אין טיכל פאַרנומען . . .
צאַרט־מיידלשע אויגן און האָר.

אריבער פון ווינטער די שטורעמס.
עס גרינען די בערג פון דער ווייט:
זומער קומט ווידער,
מיט פריידיקע לידער;
פרילינג די וועלט האָט באַנייט.

צ ו ז י נ ג :

און ווי אַמאָל —
אַ בלענד טאָן אין שאָטן פון בוים
וועט טיכעלע צאַרטע,
האַרצנס געגאַרטע:
לעבן מיינס, איינציקער טרוים!

וויגליד

דייטש: וו. א. מאָצאַרט

שלאָף איין, מיין מלאך, מיין פּראַכט,
מאַמע דיין וויגל באַוואַכט.
שלאָף זשע, מיין טייער קינד.
די פייגעלעך שלאָפן אַצינד.
שטיל איז איצט רונד און אַרום,
ס'הערט זיך פון בינען קיין זשום —
די וועלט רוט אין זילבערנעם שיין:
שלאָף זשע, מיין מלאכל, איין!

רואיקע שטילקייט אין הויז,
מיד איז די קאַץ און די מויז . . .
טומל פון טאָג איז פאַרביי,
חלומ'ט די נאַכט פון דאָס ניי.
וועלט איז אין דרימל פאַרהילט,
לבנה מיט שטערן זיך שפּילט,
ווינקען אין פענצטער אַריין:
שלאָף זשע, מיין אוצרל, איין.

ווער איז נאָך גליקלעך ווי דו?
שטיפן, זיך שפּילן און רו!
שפּילעכלעך — דאָס איז דיין וועלט;
ווערסט ניט פון קיינעם געשטערט.
זוניקע, פריידיקע טעג
קומען דיר אָן אויף דיין וועג;
פרייע פון זאָרג און פון פּיין:
שלאָף זשע, מיין מלאכל, איין.



מײַן פֿאָטער ע״ה

אפרים יצחק בונין

אנשטאט א פאררעדע צו מיין פאטערס ווערק, וואס איך פארעפנטלעך דא, וועל איך געבן א קורצע ביאגראפיע פון מיינע עלטערן, איבערהויפט פון מיין פאטער.

— — — — —

ס׳איז געווען אין יאר — איך בין א קנאפער היסטאריקער, איז מיר שווער, און דערצו בין איך פויל, צו פאנאנדערקלייבן זיך אין דאטעס — איז וועל איך אנהויבן אזוי:

ס׳איז געווען — פאלג מיך א גאנג — אין די צייטן פון ניקאליי דעם ערשטן.

איינמאל, אין א פרייטיק פארנאכט, ווען די יידן פון סאסניצע, א שטעטל אין טשערניגאווער גובערניע, אין דער אוקראינע, זיינען געגאנגען אין שול, איז אנגעפארן א פויערל מיט א פערד־און־וואגן און זיך אפגעשטעלט ביי דער שול. אויפן וואגן האבן זיך געפונען זיבן קינדערלעך; דאס קלענסטע — א מיידעלע פון אכצן חדשים. די איבעריקע — אט ווי ביי אמאליקע קבצנים: זייער ווייניק גערוקט אין דער עלטער. דער פויער האט זיך געווענדט צו די יידן: „באטע וואס סעמערא זשידקיוו״. (דאס הייסט: אט האט איר זיבן יידעלעך). דערביי האט ער דערציילט, אז זייערע עלטערן, וואס האבן געהאלטן א שענק אין זיין דארף, זיינען ביידע געשטארבן פון דער כאליערע, וואס האט שטארק געבושעוועט אין יענעם געגנט. אגב, זאלן די יידן קומען און צונעמען די צווייי טויטע.

אין סאסניצע האט געוואוינט א פאר־פאלק — משה דער שניידער האט מען אים גערופן — א שניידער א „לאטוטניק״ — און זיין פרוי אסתר. זיי האבן ניט געהאט קיין קינדער. אסתר איז זיכער געווען, אז גאטס שטראף האט זיך אויסגעגאסן אויף איר איבער א גרויסער עבירה, וואס זי איז באגאנגען: איינמאל, אן ערב שבת, ווען זי האט זיך ארומגעפארעט, האט די קאץ איר זייער דאקוטשעט, געקראכן אונטער די פיס, געשלעפט פון די טעפ, און לסוף ארויפגעשפרונגען אויף אן אויסגעוואלגערט בלאט לאקשן, וואס איז געלעגן אויסגעשפרייט אויפן טיש. זי האט א כאפ געטאן די קאץ און האט זי געגעבן א שליידער ארויס דורכן פענצטער.

די קאץ האט אט־אט געזאלט זיך אפקעצלען — האבן די קעצלעך זיך ארויסגעשאטן פון דער קאץ׳ס טראכט . . . די געשרייען פון דער קאץ זיינען

געווען ניט איבערצוטראָגן — ביז זי איז אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט אירע קעצלעך.

אסתר איז פון צער און חרטה שיעור פון זינען אַראָפּ, און אַלטע ווייבער האָבן איר געזאָגט, אַז פאַר אַזאַ גרויסער זינד וועט גאָט פאַרשליסן איר טראַכט — און זי האָט טאַקע קיין קינדער ניט געהאַט.

אסתר האָט זיך אָבער אַזוי גרינג ניט אונטערגעגעבן. זי איז געפאָרן צום וואָלעדניקער רבין, אַז ער זאָל איר אַ תשובה געבן, און אפשר וועט זי געהאָלפן ווערן.

דער רבי האָט זי געטרייסט און איר גע׳עצה׳ט: נעם האָדעווע אויף אַ יתום אָדער אַ יתומה, ס׳איז אַ גרויסע מצוה — און בזכות זה וועט אם ירצה השם איר זינד פאַרגעבן ווערן!

משה דער שוואַרצער איז געגאַנגען אין שול, און ווען ער האָט דערזען אַן עולם מענטשן, ערב שבת, אַרום אַ וואָגן ביי דער שול, האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט און דערזעענדיק די קינדער אויפן וואָגן, האָט ער אויף זיי גרויס רחמנות געקראָגן. עס האָט אים זייער שטאַרק אָ צי געטאָן צום קליינעם מיידעלע, האָט ער עס אַרויסגענומען און עס צוגעדריקט צו זיך מיט ליבע, און אנשטאָט אין שול — איז ער מיטן קינד אַוועק אַהיים און עס געבראַכט צו אסתרן.

זיי האָבן זיך זייער געפרייט מיט באַשינקען (בתיה). דאָס קינד האָט אויסגעפילט די ליידיקייט ביי זיי אין הויז — און ליב איז זי ביי זיי געווען ווי אַן אייגן קינד.

עס זיינען אַוועק איבער פינף יאָר, זינט זיי האָבן דאָס קינד צו זיך גענומען. אָבער לעצטנס האָט דאָס קינד עפּעס אויפגעהערט צו עסן ווי עס באַדאַרף צו זיין און איז אָפּט ניט־געזונט געוואָרן. מיט איין וואָרט: דאָס קינד איז עפּעס געווען „ניט מיט אַלעמען”. אסתר האָט פאַר׳משכונ׳ט אַ פּאָר קישנס, אַ סאַמאָוואַר און — איז ווידער אַוועק צום „וואָלעדניקער”.

— רבי, אַזוי און אַזוי . . .

דער רבי האָט זי גוט אויסגעהערט, זיך פאַרטראַכט און געזאָגט:

— פאָר געזונטערהייד אַהיים און טו מיטן קינד אַ שידוך!

— רבי, זי איז דאָך ערשט די וואָך געוואָרן זיבן יאָר אַלט!

— פאָר און טו ווי איך זאָג דיר.

— איז מיט וועמען, רבי, זאָל איך טאָן אַ שידוך?

— וועסטו פרעגן ביים קינד, זי וועט דיר זאָגן . . .

אסתר איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט דעם מאַן און די שכנים, וואָס דער רבי האָט איר געהייסן טאָן. און אַז „ער זאָל לעבן” הייסט, איז דאָך ניט שייך! האָט מען אַ פרעג געטאָן ביים קינד: — באַשקע, ווילסט אַ חתן?

— איך האָב שוין אַ חתן — האָט באַשקע געענטפערט.

— ווער איז דיין חתן? — האָט אסתר אַ דערשטוינטע געפרעגט.
— אפרים איטשקע. ער שפּילט זיך מיט מיר שיין און שרעקט מיך ניט מיט קיין זשאַבעס, ווי ער שרעקט אַנדערע מיידלעך...

אויסגעהערט כלה׳ס צד, דאַרף מען דאָך זען וואָס ס׳הערט זיך מיט חתן׳ס צד, און ווען די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין גאַס, האָט אסתר צו־גערופן איטשקען צו זיך און אים געפרעגט: — איטשקע, ווילסט אַ כלה?

— יאָ!
— וועמען װאָלסטו װעלן פאַר אַ כלה?
— באַשקען!!!

ווער איז געווען אפרים איטשקע?

אברהם דער קירזשנער איז געווען אַ יונגערמאַן אַ ברען, געשמ׳ט פאַרן בעסטן באַלמעלאָכע אין שטאָט. צו אַכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ באַלעבאַטישער טאָכטער, און אין די פינף יאָר וואָס זיי זיינען געווען פאַר־הייראַט, האָט זי אים געבוירן דריי קינדערלעך: אַ מיידל און צוויי אינגלעך.

אפרים יצחק איז קוים אַלט געווען דריי יאָר, ווען איינמאָל אין אַן אָוונט האָבן די „כאַפּערס״ זיך אַריינגעריסן אין זייער הויז און מיט געוואַלד אָוועקגעשלעפּט מיט זיך זיין פאָטער און אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. (און אין די צייטן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן האָט עס געהייסן אָוועקגיין אויף פינף און צוואַנציק יאָר.) זיין מוטער איז פון שרעק און צער קראַנק געוואָרן און איז שוין קיינמאָל צום געזונט ניט געקומען. זי האָט זיך ניט געקענט טרייסטן — און גאָר אין אַ קורצער צייט זיינען די קינדער געבליבן יתומים, און גוטע מענטשן האָבן רחמנות געהאַט . . .

וויבאַלד די קינדער געפעלן זיך איינע די אַנדערע, האָט משה דער שוואַרצער שוין צוגענומען אויך איטשקען צו זיך, און שטאָט האָט זיך מחיה געווען — פּטור צו ווערן פון אַ יאָך . . .

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, איז משה דער שוואַרצער געווען אַ שניידער, אַ לאַטוטניק — איבערגענייט, איבערגעניצעוועט. און איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פאָלעס. ער איז אָבער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט.

עס איז כמעט ניט געווען דער פּרייטיק, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט לייען אויף מאַכן שבת. ער איז אָבער קיינמאָל ניט געקומען אַהיים פּרייטיק ביינאַכט פון שול אָן צוויי אָדער דריי אורחים אויף שבת — געווײנלעך היימ־לאָזע, דורכגייענדיקע אָרעמעלייט.

עס איז ניט געווען קיין צדקה־חברה אין סאָסניצע וואו ער איז נישט געווען טעטיק — און וואו אַ נויטבאַדערפטיקער און וואו נאָר אַ קראַנקער, איז ער דאָרט געווען. און האָט נאָר אַ קראַנקער געדאַרפט עפּעס אין אַפּטייק

און ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן — איז גענוג געווען אַז משה דער שוואַר־צער זאָל אָנשרייבן אַ צעטעלע און דער אַפּטייקער האָט שוין געגעבן די רפואה אָן געלט.

ווען אסתר פלעגט גיין אין מאַרק אַריין, פלעגט משה איר אָנשטאָפּן פולע קעשענעס מיט שטיקלעך סחורה, איבערגעבליבענע פאַדעם, אַז זי זאָל עס איבערגעבן צו די מענטשן וואָס האָבן ביי אים באַשטעלט אַרבעט, כדי ער חלילה יענעמס ניט פאַרנעמען דורך אַ טעות. אין שטעטל האָבן זיך מענטשן געסוד'עט: „ער איז אַ לאַמעד־וואָווניק!״ . . .

מ'קען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ יום־טוב עס איז געוואָרן אין שטאָט, ווען משה דער שוואַרצער און אסתר האָבן געמאַכט תנאים מיט זייערע קינדער. דער חתן איז שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן: גאַנצע צען יאָר! . . און די כלה איז שוין אויך ניט געווען קיין יונגעטשקע — זיבן יאָר! . . .

די קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט צוזאַמען ווי אַ ברודער מיט אַ שוועס־טער. מיט דער צייט האָבן זיי אָבער דערפילט, אַז עפּעס איז אַנדערש . . . אַ שוועסטער ציילט ניט אַזוי די מינוטן ווען דער ברודער וועט שוין אַהיים קומען פון חדר, און אַ ברודער פאַרדריסט ניט אַזוי, ווען ער זעט אַז זיינע עלטערן באַשטראָפן זיין שוועסטער ווען זי פאַרזינדיקט זיך מיט עפּעס . . .

אפרים יצחק איז געווען אַן עלוי. אין שטאָט איז שוין פאַר אים ניט געווען קיין מלמד. ער פלעגט זיך אָפּט פאַרטראַכטן און האָט געשריבן „גראַמען״ מיט וועלכע די „קענער פון שטאָט״ האָבן זיך אַרומגעטראָגן.

ווען ער איז שוין אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט פּלוצלונג — ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן — זיך באַוויזן זיין פאָטער. די טערקישע מלחמה האָט זיך ערשט געהאַט פאַרענדיקט און צוליב דעם איז זיין דינסט־טערמין פאַרקירצט געוואָרן. איז ער געקומען אַהיים אין אַ שיינעם מונדיר מיט עפּאָלעטן, מיט מעדאַלן און אַ שפּאַגע, און קיינער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי און פון וואַנען — אַ זייער רייכער מאַן.

אודאי איז זיין צער געווען גרויס, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם גורל פון זיין פרוי און אַז זיינע קינדער געפינען זיך ביי „גוטע מענטשן״. באַזונדערס — ווען ער האָט דערזען וואָס פאַר אַ געראָטענעם זון ער האָט און ער געפינט זיך גאָר ביי משה דעם לאַטוטניק אין אים נאָך פאַר'קנסט צו זייער יתומה! ער האָט געוואָלט צונעמען דאָס אינגל צו זיך, אים לאָזן שטודירן און אים מאַכן פאַר אַ „מענטש״. אָבער אפרים יצחק האָט דערפון ניט געוואָלט הערן און זען; פאַר אים איז שוין זיין פאָטער געווען משה דער שוואַרצער!

איז מען געגאַנגען צום רב מיט אַ דין־תורה, און דער קלוגער רב האָט געפּסק'נט, אַז רב אברהם דאַרף באַצאָלן משה דעם שוואַרצן דריי הונדערט קאָרבן פאַר דער טרחה און צייט, וואָס ער האָט אַכטונג געגעבן אויף זיין זון . . .

ביים רב אין הויז איז געוואָרן אַ יללה ווי תשעה באָב צו די קינות. דער איינציקער וואָס האָט ניט געוויינט, איז געווען אפרם יצחק.

— רבי — האָט ער געזאָגט — אויב משה דער שוואַרצער איז מיר געווען אַ פאָטער ווען איך האָב זיך געוואַלגערט אין גאַס, איז ער עס ביי מיר אויך איצט, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג אָפּגערופן אַ רייכער טאַטע. איך — האָט ער ווייטער געזאָגט — בין מיט באַשען אַ זיווג פון גאָט און קיינער טאָר אונדז ניט צעשיידן. איך באַשטיי אַז מ׳זאָל שטעלן אַ חופה, און טאַקע שוין, דאָ! (די כלה איז דעמאָלט אַלט געווען 14 יאָר און דער חתן — 17).

אַט אַזוי האָט געהאַנדלט אַ בחור, וועלכער איז קוים אַלט געווען זיבעצן יאָר!

„קינד און קייט״ זיינען געווען אויף דער חתונה; די רייכסטע חתן־כלה אין סאָסניצע האָבן קיינמאָל ניט געקראָגן אַזאַ דרשה־געשאַנק! דער איינציקער וואָס האָט געפעלט אויף דער חתונה, איז געווען אברהם קירזשנער — אפרים יצחקס פאָטער . . .

דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָבן געוואוינט מיט טאַטע־מאַמע — אַזוי האָבן זיי גערופן אסתרן און משהן — און זיי זיינען עס טאַקע צו זיי געווען דורך אַלע יאָרן — און שפּעטער אפילו אויך צו זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

צו פופצן יאָר האָט שוין באַשקע געהאַט דאָס ערשטע קינד — אַ מיידעלע — וועמען מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן רחל לאה. און אַט אַזוי האָט זי שוין געקינדלט כמעט יעדע צוויי יאָר.

די קללה וואָס איז שטענדיק געהאַנגען איבער די קעפּ פון דער באַפעלקערונג פון דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד — די כאָלעריע־מגפה, האָט ווידער אויסגעבראָכן אין איר מוראדיקסטער פאָרם. מ׳האָט דעמאָלט טאַקע געמעגט זאָגן, ווי עס שטייט אין ישעיה: ״אין בית שם אשר אין שם מת״. (עס איז ניט געווען קיין הויז וואו עס האָט זיך ניט געפונען קיין מת). און ווי געוויינלעך, האָט משה דער שוואַרצער זיך שטאַרק מתעסק געווען אַרום די חולאים, און ווען מ׳האָט אים געוואָרנט: „רב משה, וואָס טוט איר? איר וועט דאָך חלילה אָװעקפאַלן!״ פלעגט ער ענטפערן: „אָוועקפאַלן קען דאָך איך א י י נ ע ר, אָבער ראַטעווען קען איך דאָך, מיט גאָטס הילף, אפשר הונדערט!

ווייסן מיר ניט וויפיל הונדערטער מענטשן ער האָט געראַטעוועט. ער איז אָבער לסוף טאַקע אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער כאָלעריע, און אין עלטער פון קוים פערציק יאָר איז ער געשטאָרבן.

אין קבר האָט מען אים מיטגעגעבן זיין שניידער־טיש און זיין שער־און־אייזן — עדות, אַז ער האָט געלעבט אַן ערלעך לעבן פון זיין שווערער פּראַצע.

דאָס געזינד איז געבליבן ווי אויפן וואַסער — און אפרים יצחק איז מיט מזל געוואָרן אַ מלמד, כדי צו קענען דערנערן דאָס הויזגעזינד.

זיין פאָטער וואָלט מיט דער צייט אפשר ווייכער געוואָרן און וואָלט פאַרגעבן זיין ווידערשפּעניקן זון. אָבער אין דער צייט האָט זיך מיט אים געטראָפן אַן אומגליק: ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע דעם פאַראָם, און איינ־מאָל — אין אַן ערב יום כפור פאַרנאַכט (ער האָט זיך מסתמא געאײַלט וואָס גיכער פאַראַנקערן דעם פאַראָם צום ברעג און גיין אין שול אַריין) — האָט אַ שטאַנג אים געטראָפן גלייך אין האַרצן און ער איז אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן.

ווי דער לייענער שטויסט זיך שוין מסתמא אָן, זיינען אפרים יצחק און בתיה געווען מיינע עלטערן.

אַלץ וואָס איך האָב ביז אַהער געשריבן האָב איך געטריי איבערגעגעבן לויט דעם וואָס מיין באָבע, מיין מאַמע און מיין עלטסטע שוועסטער, האָבן מיר ניט איינמאָל דערציילט. איך בין שוין געווען דער מוזיניק — דאָס דריצנטע קינד. ווייטער שרייב איך שוין וואָס איך אַליין געדענק.

שפּעטער האָבן מיינע עלטערן זיך אַריבערגעצויגן קיין „מענא" — אַ שטעטל צוואַנציק ווערסט פון סאָסניצע — וואו איך בין געבוירן געוואָרן דעם 13טן יאַנואַר, 1890.

דאָרט איז אונדזער מאַטעריעלע לאַגע פאַרבעסערט געוואָרן. צו זייך מלמדות איז דער טאַטע אויך געווען אַ שמש אין שול. ער האָט געהאַט נאָך זייטיקע פרנסות, ווי אַשטייגער: שרייבן אַ גט, בריוו פאַר חתנים אין כלות, מאַכן צייכענונגען פאַר הייזער־באַפּוצונגען.

און אָט די אַלע פרנסות האָבן דאָך ווינטער־צייט ניט געקענט פאַרהאַלטן די קעלט און ווינטן, וואָס פלעגן זיך נאָר וועלן אַריינרייסן אין הויז דורך אַן אויסגעבראָכענער שויב, וואָס אַן אַלט קישן אָדער אַלטער בגד האָט פּרובירט פאַרשטעלן דעם וועג . . .

די באָבע אסתר פלעגט שוין קומען צו אונדז צו־גאַסט אויף ימים טובים און ברענגען אונדז „גאַסטינצעס": ווען אַ פאָר צוגעניצטע שיך, אַ פאַר הויזלעך פאַר אַ קינד, אַ קליידל, אַ קאַפּטל — וואָס כאָטש צומאָל נאָך גאַנץ נשקשהדיקע, איז עס דאָך אַמאָל געווען צו־גוט, ווייל עס איז געקומען פון אַ צו־רייכן פריץ אָדער פריצטע, און עס האָט זיך גאַר ניט געפּאַסט צו אונ־

דזער הילוך . . .* די באָבע אסתר פלעגט אָפּקויפן אַלטע קליידער און דערפון האָט זי געצויגן איר חיונה.

אַ קאָמישע סצענע פלעגט זיך אָפּשפּילן ווען די באָבע פלעגט קומען אויף פּסח. כאָטש דער טאַטע האָט שוין גוט בודק חמץ געווען און עס שוין „פאַרברענט״, פלעגט זי מיט איר קליין איינגעשרומפּן הענטל אויפן שטערן אַרומזוכן אין יעדן ווינקעלע — טאָמער איז חלילה ערגעץ געבליבן אַ שטיקל המץ. אָבער אויף חמץ זוכן זיינען מיר געווען גרעסערע בריות פון איר; מיר פלעגן עס זוכן אַ גאַנץ יאָר און גאַנץ אָפט ניט געפונען...

אונדזערע קינדער זיינען אָפט געווען צו־גאַסט ביי דער באָבען — אַמאָל אויף אַ לענגערער צייט — ווינציקער מיט אַ מויל אין דערהיים...

אַ ליבע, אַלטינקע, איינגעשרומפּענע באָבעלע איז זי שוין געווען אַ פיר און אַכציק יאָר אַלט, ווען איך און מיין שוועסטער, וועלכע געפינט זיך איצט מיט מיר אין לאָס אַנדזשעלעס, זיינען נאָך געווען קליינע קינדער.

זי האָט מורא געהאַט טאָמער שטאַרבט זי חלילה פּלוצלונג אַוועק אָן ווידוי — האָט זי געפרעגט אַן עצה ביי מיין פאָטער וואָס צו טאָן. מיין טאַטע האָט איר גע׳עצה׳ט, אַז, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל זי יעדע נאַכט פאַר שלאָפן גיין, זאָגן זיבן מאָל אדוני הוא אלהים . . . פלעגט זי אין איר לאַנג העמד, ווייסן הויב און ווייסע זאָקן צוגיין צו דער טיר, קוים דערלאַנגען די מזוזה, זי אַ קוש טאָן און זאָגן: אדוני הוא אלהים איינס, אדוני הוא אלהים צוויי, און אַזוי ביז זיבן מאָל. זי פלעגט זיך אָבער שטענדיק פאַרמישן אין דער צאָל... פלעג איך און מיין שוועסטער איר דאַרפן אַרויסהעלפן: זי — אדוני הוא אלהים, און מיר — איינס; זי — אדוני הוא אלהים, און מיר — צוויי . . . ביז מיר פלעגן זיך שוין ניט קענען מער איינהאַלטן און אָנהויבן שטיקן זיך און כיכיקען. פלעגט זי זאָגן: וויינט ניט, וויינט ניט, קינדערלעך, דער אויבער־שטער וואָס לעבט אייביק וועט מיר מירצעשעם נאָך שענקען יאָרן...

ביי ליכט־בענטשן פלעגט זי אַלעמאָל בעטן: דער זכות פון מיין צדיק (איר מאַן) זאָל ביישטיין, און דער זכות פון דעם „וולעדניקער״ זאָל מיר ביי־שטיין, אַז מיינע קלעזמאָרים זאָלן מיר ניט פאַרשטערט ווערן! מיט דעם האָט זי געמיינט, אַז באַשע מיט אפרים יצחקן זאָלן זי אַרויסבאַגלייטן ווי ס׳דאַרף צו זיין ווען די צייט וועט קומען... און דער טאַטע זאָל זיין אַ גוטער קדיש נאָך איר.

---

*) איך געדענק ווי די באָבע האָט מיר איינמאָל געבראַכט אַ פּאָר גאָר וואָזשנע זיידענע שיך מיט הויכלעכע אָפּצאַסן, און ווען איך האָב פּראָטעס־טירט, אַז דאָס זיינען דאָך מיידלשע שיך, האָט זי געענטפערט: ״פּטור, נו, דער „באַרישניע״ איז אָנגעשטאָנען צו טראָגן די שיך און אים שטייט ניט אָן!״ . . .

ווי עס איז צו זען פון דעם וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן, זיינען ביי מיינע עלטערן די קינדער געוואָקסן צוזאַמען מיטן דלות. דאָך איז מיין פּאָטער געווען וואָס שלום עליכם וואָלט אָנגערופן: אַ קאַסריליק. ער איז געווען אַ גרויסער וויצלינג, אַ תלמיד חכם און, לויט מיין מיינונג, אַ גרויסער פּאָעט און קאָמפּאָזיטאָר, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט געלייענט קיין „זשאַרגאָן״ און ניט געוואוסט פון קיין נאָטן. זיינע זאַכן וואָס ער האָט געשריבן זיינען קיינ־מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אָנגעשריבן עפּעס, איבערגעלייענט עס פאַר אַ פריינט אָדער צוויי און עס אַוועקגעלייגט אין קאַסטן, וואו עס איז שוין גע־בליבן יאָרן לאַנג.

ווען איך בין אונטערגעוואָקסן און האָב שוין געקענט לייענען, פלעגט ער אַלעמאָל אָנשרייען אויף מיר, אַז איך כאַפּ זיך צו צו זיין קאַסטן און מאַך דאָרט אַ חורבן . . . איך האָב אָבער גוואַלדיק הנאה געהאַט פון זיינע זאַכן. אַ סימן: די איינציקע זאַך וואָס איך האָב ביי זיך אין זיין אייגענער האַנטשריפט איז דער פסח־בריוו צו מיר. די איבעריקע אַלע זיינע זאַכן וואָס איך פאַר־עפנטלעך דאָ זיינען פון זכרון.

דעם בריוו צו מיר האָט מיין פאָטער געשריבן אין 1912 — אַ קימא לן פון זיבן און דרייסיק יאָר. איניקע זאַכן זיינען געשריבן געוואָרן נאָך אידער איך בין געבוירן געוואָרן — מיט וואָסערע פופציק־זעכציק יאָר צוריק. עס איז צו באַוואונדערן זיין שפּראַך און סטיל. איך האָב ניט געפּרואווט רעדאַגירן אָדער אויסבעסערן; איך גיב אַלץ איבער אין זיין שפּראַך און אָרטאָגראַפיע, אַזוי גוט ווי מעגלעך לויטן זכרון.

אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז ניט געווען גלאַט אַזוי זיך „זעצן שרייבן גראַמען און זיך נאַריש מאַכן״. אָדער ער האָט געשריבן אַ בריוו צו אַ קינד, ווי דער בריוו צו מיר וואָס איך פאַרעפנטלעך דאָ, אָדער אַ בריוו וואָס איך ציטיר דאָ צו מיין שוועסטער, צי אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט — בן־ציון דובראָווסקי — און פורים־לידער.

ער פלעגט יעדן יאָר, ערב פורים, פאַרפאַסן אַ ליד, גיין פון הויז צו הויז עס אויסזינגען, און אויף אַזאַ אופן זאַמלען געלט פאַר אָרעמעלייט אויף מצות. און וויפיל יעדער איינער פלעגט געבן, פלעגט ער פאַרשרייבן, און די רשימה אויפקלעפּן אין שול אויף דער וואַנט, אַז ס׳זאָל חלילה קיין חשד ניט זיין . . . כאָטש אַליין פלעגט ער אָפּט דאַרפן לייען געלט אויף מצות . . .

געוויינלעך זיינען דאָס געווען פריילעכע פורים־לידער, צו וועלכע ער פלעגט פאַרפאַסן זיינע אייגענע מעלאָדיעס. נאָר אַמאָל, ווען אַ קינד פלעגט ביי אים שטאַרבן דעם יאָר, ווען עס פלעגט זיך טרעפן עפּעס אַן אַנדער צרה און ער האָט ניט געפילט ווי זיך פריילעך מאַכן — האָט ער אָנגעשריבן אַ „טרויעריק״ ליד. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער אָנגעשריבן די „אַרעסטאַנטן״. ער, מיט נאָך אַ מלמד, האָבן זיך אָנגעטאָן אין רייכע סוחרים־קליידער; אַ דריטער מלמד, אָנגעטאָן ווי אַ פּאָליציאַנט, פירט זיי ביידן געשמידט אין קייטן,

אַריין אין אַ הויז. דער פּאַליציאַנט לייענט דעם „באַשולדיקונג־אַקט", אַז מ'האָט ביי זיי געפונען „פאַלשע באַנקנאָטן", און מיין פאָטער, דער גרויסער סוחר, זינגט זיין ליד:

מיר זיינען געווען צוויי גרויסע סוחרים
און מיר זיינען געווען גיאַכט —
צו וואָס עס האָט גיבראַכט קנאה און שנאה:
מהאָט אויף אונז אַ בילבול געמאַכט.
מיר זיינען גיפאָרין אויף ריסאָרנע טאַראַנטאַסין
און צופוס ניט געוואוסט קיין וועג:
איצט פירט מען אונז אַרום איבער אַלע גאַסין —
ניט געגעסענע נעכט און טעג.

צום באַדויערן געדענק איך ניט מער ווי די צוויי פערזן; ער האָט עס אָבער ער פאַרענדיקט אין אַ טשיקאַוון רוסיש:

„מי בודיעם פראָסיט באָגאַ זאַ וואַמי
דאַיטיע נאַם ספּאָקאָי
פּוסט כאָראָשיע ליודי פּאָזשאַלויוט נאָס
טאָגדאַ מי פּאָידיאָם דאָמאָי".

אַזוי האָט ער אויך אָנגעשריבן דאָס ליד פון דעם „אַרעמאַן", און ווען ער האָט עס פאַרגעשטעלט, פלעגט ער זיך אָנטאָן אין בעטלערישע קליידער מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע, אַריין אין אַ הויז, האָט ער זיך אַוועקגע־שטעלט ביי דער טיר און אויסגעזונגען די ביטערע דאָליע פון דעם אָרעמאַן, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער די הייזער.

באַלעבאָטים ביי דער סעודה האָבן שוין געוואָרט אויף רב אפרים יצחקן.

ווי עס צו זען פון מיין פאָטערס פּסח־בריוו, זיינען אַלע קינדער זיך צעפאָרן פון דערהיים. בלויז דריי טעכטער זיינען פאַרבליבן אין פאַרשידענע שטעט אין רוסלאַנד, איין זון אין ענגלאַנד, איינער אין קאַנאַדע, אַ טאָכטער אין אַרגענטינע, און צוויי טעכטער און איך זיינען אין 1911 אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

מיין פאָטער איז נפטר געוואָרן דעם 22טן מערץ, 1919. מיין מוטער האָט אים נאָכגעפאָלגט אין דריי יאָר אַרום, כאָטש זי פלעגט אים אַלעמאָל זאָגן: „געדענק, איטשע, איך וויל ניט בלייבן אָן דיר!"...

זאָל דאָס וואָס איך פאַרעפנטלעך דאָ פון מיין פאָטערס כתבים און מיינע עטלעכע ווערטער דינען אַלס מ צ ב ה אויף מיינע טייערע, ניט־פאַרגעסענע עלטערן.

ע ר ע ז י י ע ר אָ נ ד ע נ ק !

ז. ב.

אפרים יצחק בונין

כתבים

דער דלות

אפילו עס איז ניט כדי די צייט צו רייבין,
קאטאוועס צו טרייבין,
נאָר עס איז זייער אינטערעסנע צו באַשרייבין:
עס איז שוין דערינען געוואָרין
היפש עטליכע יאָרין,
אַז דער דלות איז גיקומען אין מענא*)
און פאַרמאָגט ניט קיין צעבראָכענעם שא**)
און האָט זיך פאַר אַ גאַנצין אורח פאַרשטעלט
און מיך האָט ער דעם ערשטין ניט גיפעלט.
ווי ער איז נאָר גיקומען,
האָט ער זאַך פאַר מיר ניט נארעש גינומען.
פון אָנהויב אָן,
האָט ער מיר אָנגעהויבין קאפאסטין צו טאָן:
גיבראָכין, גישטאָכין,
פאַרגאַסין, פאַרשאַטין,
אַזוי ווי אימיצער וואָלט אים גיבאָטין.
ניין, עס וואָלט מיר ניט גיווען אַזוי גרויש דער פאַרדראָס,
ווען איך זאָל כאָטש וויסן
פאַר ווען און פאַר וואָס
דער מאט, דער פלוט,
ער רוט ניט אַ מינוט,
נאָר ער טאַנצט און שפּרינגט אַרום,
ער איז ביי מיר אומעטום:
ער איז אין הויז, אין שטאָל, אין קלייט
ער פוילט זיך ניט און גייט,
ער לאָזט ניט דורך אי איין אָרט,

---

*) מענא — אונדזער שטעטל אין אוקראַינע
*) שא — אַ האַלבער גראָשן

נעכיי יעמו טשאַרט,
אַנ׳ערך וואָס איז אים דערפון,
אַז מי טראָגט אַרוים דער בהמה
די פּאַילע אין אַ טשיהון?
איז ווי מי האָט נאָר פאַרגעסין
צו היטן די מינוט, וואָס די בהמה האָט אָפּגיגעסין
אין אַ גוטער שעה —
דער טשיהון איז שוין ניטאָ!
זוך היינט, זוך מאָרגן,
מי דאַרף שוין אַנ׳אַנדערן באַזאָרגין.
ווען איך קויף פאַר דער בהמה היי,
אָדער אויף הייצין שטריי,
אַזוי לאָזט ער אָפּין די שטאָל.
דברים אחרים מאַכין אַ גאַנצין פּריוואָל,
און עס גייט אָוועק אין כף הקל . . .
פּסח׳דיקע פּאָסודע ווען איך טו נאָר פאַרגרייטין
פון איין יאָר אָפּין צווייטין —
אַזוי טוט ער מיך באַלייטין:
עס טראָגין אים שיידים
צו די פּאָסודע אָפּין ביידים.
מי חאַפּט זיך איבער אַ יאָר —
מי דאַרף צוקויפין האַלב אָדער גאָר.
איך זאָג אייך — עס איז פּשוט צו שרייבין אין די גאַזעטין . . .
איך האָב אַנומאַלט גידאַרפט פון דער היים אַפּטרעטין,
האָב איך אַ טראַכט גיטאָן אין דער גיך:
איך וועל גאָר נעמין דעם דלות מיט זיך.
אפשר וועט ווערין אין דער היים אַ ליכט אין די אויגין.
אַז עס וועט גאַנץ זיין וואָס מי וועט שטעלין
און וואָס מי וועט לייגין.
און אפשר, דער פרא אדם, דער שוטה,

ווען זיך פאַרקוקן אַף די דאַמען די גרוישע, די רייטע,
וועל איך עס גאָר מאַכן די פּליטה.
גיוויינטליך די עטליכע טעג
וואָס איך בין גיוועזן אין וועג
האָב איך גילידין יסורים גאָר אָן אַ ברעג.
אָבער איך בין געווען צופרידן מיט דעם גליק
וואָס אין דער היים וועט גישעהען —
אַז מי וועט דעם דלות אין די אויגן ניט זעהען.
און ווי איך בין געקומען צוריק,
אַזוי האָב איך גינומען באַזוכן מיין גליק.
ערשט איך האָב דערוויסט אין אַלמער די פאָסודע שטייען
יעדער טעלער און גלאָז אוף צווייען:
די סאַכערניצע אָן אַ דעק,
די בהמה מיט אַ ציריסענעם עק,
די וואַסער-דייזע אָן רייפן —
הכלל, מי מוז אַלעם פון דאָס ניי קויפין.
האָב איך צו אים גיזאָגט:
— גוואַלד, ברודער, דו ביזט דאָך ערשט מיט מיר
אַריין אין טיר;
אין דער איין מינוט
האָסטו זיך איספּראַוועט אַזוי גוט!
זאָגט ער: נאַר, אומזיסט האָסטו נחת גיקליבין:
איך בין לכתחילה אין דער היים גיבליבין,
איך האָב זיך פון אָרט ניט גירירט.
דאָס האָסטע גאָר מיין שותף דעם שלים-מזל
מיט זיך גיפירט.
נו, מיינע פריינט,
וואָש זאָגט איר היינט —
טאָמער האָב איך גיוואָלט דער דלות זאָל פון מיר אַראָפּ —
נאַ דיר נאָך אַ שלים-מזל אוף מיין קאָפּ!
איך האָב גיזעהען מענטשן גיין באָדין זיך אין טייך,

בין איך אויך גיגאַנגען מיט אַלעמען גלייך.
אַלע נאַקעט, אַלע הייל,
קלער איך זיך: גוט, ווייל!
איך וועל זיך צווישן
אַלעמען פאַרמישן,
וועל איך מער פון זיי ניט וויסן.
ערשט ווי איך האָב זיך אָנגיהייבין אָנצוטאָן,
אַזוי זיינען זיי לעבין מיר אבערניים קאָן!
איך האָב שען גיפּרואוווט אַ פּאָר וואָכין
ניט הייצין, ניט קאָכין,
טאָמער וועלין זיי ווערין פון מיר צוקראָכין.
איז כאָטש גיב זיי אַ גישוויר —
און זיי גייען ניט אַוועק פון מיר,
און ג״ב״ה ווייס ווי לאַנג עס וועט זיין דער שיעור!



פֿון מײַן פֿאָטערס מאַנוסקריפּט

איך — אָרימאַן

איך אָרימאַן — ווי פינצטער איז מיין וועלט,
מיין ביטערקייט ווי גרייש איז מיר,
ביז וואַנען איך קלייב צונויף עטליכע קאָפּיקעס געלט,
ווער איך אויסגעריסען גאָר אָן א שיעור!
אוי, מיר איז ניט גוט!
עס צאַפּט זיך מיר מיין בלוט!
אויף דעם פינצטערן, דעם ביטערן ברויט,
איך קרייז אַרום די וועלט,
איך לייד הונגער און קעלט —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

באַלד ווי איך גיי נאָר אַוועק פון דער היים
און טו אָן די טאָרבע אויף די פּלייצן,
אַזוי לאָז איך מיין געזינד אָן א ביסן ברויט שוין.
ניטאָ וואָס צו קאָכן און מיט וואָס צו הייצן.
היינט ווי קען מיר איינגיין מיין ביסן,
ווען איך טו מיר גאַנץ גוט וויסן,
אַז איך האָב זיי גילאָזן אָן א ביסן ברויט,
און מיט בלוטיקע טרערין
טוען זיי זיך נעבאַך גינערן —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

ווי איך גיין אַריין אין אַ שטוב און שטעל זיך לעבן טיר,
אַזוי גייט מיר ניט איין מיין לעבן.
אַז איך וויים עס איז אַלץ איינס: דער נגיד, דער גביר,
מער ווי אַ גראָשן וועט קיינער ניט געבן.
עס וואָלט נאָך אַלץ גיוועזין גוט,
ווען מען צאַפּט מיר ניט מיין בלוט,
וואָלט איך זיך אַרויסגיכאַפּט פון שטוב שטילערהייט.
אָבער אַז ניט פון די געבער
הייבין אָן נעמען דעם לעבער —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

אַנ'אַנדערער איז זיך מישב גאָר
מיט אַ פיינער טענה
איך קען אייך שווערן ריכטיק, קלאָר —
ער האָט אין דער היים אַ דירע אַ פיינע.
יאָ מי קען די לוקאַווע!
זיי קלייבן געלט אין חאַליאַווע,
און מי גייט אַרום פאַרמאַסקירטערהייט
אין לאַטעס מיט שמאַטעס —
און אין דער היים פירט מען זיך באַלעבאַטיש —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

דערווײַלע גייט דורך וויפיל שעה אויפן טאָג —
איך האָב נאָך גאָרניט געהאַט אין מיין מויל.
עס ציט מיר די האַרץ, ווי פון אַ זייגער די וואָג,
און אַליין בעטן עסן בין איך נאָך אַלץ פויל.
און ווען איך ווער שוין אַ גוטער בעטער —
איז דאָ הייסט מען קומען שפּעטער,
און דאָ זיצט נאָך אין אויוון דער ברויט.
דערווייל דערהער איך אַ קול:
ער האָט שוין גיגעסן דריי אָדער פיר מאָל —
אוי, איך פיל דעם טעם פון טויט!

באַמערקונג: איך געדענק ווי דער טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַמאָל אַריין צו אַ רייכן באַלעבאָס, פּורים צו דער סעודה, זיך געשטעלט ביי דער טיר און אויסגעזונגען אָט דאָס ליד. (אגב, דאָס גאַנצע ליד געדענק איך ניט. עס האָט אין דעם ליד זיך אויך געפונען אַ פערז, אין וועלכן עס דערציילט זיך, ווי ער קומט צו אַ חתונה און עס ווערט ניט אַ זילבערנער בעכער, צי אַ לעפל. מען איז אים חושד, אַז ער האָט עס געוויס צוגעגנבעט און מ'נעמט אים שלאָגן, אַז ער זאָל עס אָפּגעבן. עס ווייזט זיך אָבער דערנאָך אַרויס, אַז דער היזק האָט זיך אָפּגעזוכט . . .)
ביי יענער סעודה, וואו דער טאַטע האָט געזונגען דאָס ליד, זיינען, ווי דער אַמאָליקער מנהג, געווען עטלעכע אָרעמעלייט,



וועלכע האָבן ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מ׳האָט דעם
אָרעמאַן אָפּגעגעבן אַזויפיל כבוד נאָך זיין זינגען דאָס ליד.
ווען מ׳האָט זיי דערקלערט, אַז דאָס איז אַ שטאָטישער באַ־
לעבאָס, און ער האָט דאָס ליד בלויז „אויסגעקלערט״,
האָט איינער פון די אָרעמעלייט זיך צעוויינט, געכאַפּט קושן
מיין פאָטער און געזאָגט: „גוואַלד, פעטערקע, פון וואַנען
ווייסט איר עס?״ . . .

פורים ליד

שתו ושכרו דודים
על דבר אדוני חרדים:
על טובותיו ונפלאותיו
תהיו שמחים ורקדים.

זכרו מעשי המן:
על חרב והרג לאבדן.
על נפלתו ומפלתו
תהיו מודים ומברכים.

שישו ושישו ושמחו בשמחת פורים,
טף ונשים, זקנים ובחורים.
מרוע הגזירה,
בפחד ובמורא
היינו כלנו.

רבים קמים עלינו.
ועדת ערצים
בקשו לנפשינו
בכל דור ודור —
מלחכים כלחוך השור,
והקדוש ברוך הוא מצילינו.

שלחו מנות
ולאביונים מתנות;
ועל האותות
הרבו כוסות לרויה.
שלחו מנות
ולאביונים מתנות —
ולבעל השגחות
תנו תשבחות
הללו יה!



SH'SO-V'ZICHRO-DOIDIM
LANGSAM
SH'- SO VE-ZICH-RO DOI-DIM, AL D'-
VAR A- DO- NOY CHA-REI-DIM, AL TO- VE SO- VE
NIF- LO EI - SOV, TIH-YO SE- ME CHIM UR HEI DIM
SI- SO- VE SI- SO VE- SIM CHO B'- SIM CHAS PU RIM
TAF VE - NO - SHIM, ZE-MEI-NIM U-VA-CHO-RIM
ME-RA LA HAG ZEI-RO BE PA-CHAD UN - MEI-
-RO HO- YI - NU RO- LO- NU

פורים ליד

פאַרצייטן צוריק מיט וויפיל יאָרן —
איז אונזערע עלטערן געווען ניט גוט.
אין איין האַר איז פון זיי גאַרניט געוואָרן:
עס וואָלט זיך גיגאָסן טייכן בלוט.
נאָר דורך די טרערין און גיוויין
פון דער אידישער גימיין,
האָט זיך גאָט דערבאַרימט מיט זיין גינאָד
און האָט פאַרקערט אין דער גיך
זיינע שעפעליך צי זיך,
זיי זאָלן זיך פיטערן ביי אים אין סאָד.

עס איז גיוועזין אַ קיניג אחשורוש,
אַ דוראַק, אַ גרויסער נאַר.
ער האָט אויפגינומען המנ׳ען
איבער אַלע הארן אַ האַר;
וואו ער וועט גיין און שוועבן,
זאָל מען אים כבוד אָפּגעבן.
אַלע זאָלן פאַר אים בייגן דעם רוקן,
פון גרויש ביז קליין,
סיי רייך, סיי גימיין
זאָלן פאַר אים זיך בוקין.

איז גיוועזין אַ צדיק מרדכי —
האָט ער אים ניט דערקענט.
ער האָט זיך געפילט פון דער גזירה פריי,
און האָט זיך צו אים ניט גיווענדט.
האָט המנ׳ען גיברענט
וואָס ער האָט אים ניט דערקענט,
נאָר ער האָט ניט גיוואָלט הרגענען אים אַליין;

אים האָט גידרייט זיין מוח
זיך אָנטאָן אַ כח
און אומברייננגען די גאַנצע גימיין.

איז המן צום קיניג גיגאַנגען —
מיט זיין הינטעשין צונג
אַ מסירה אוף די אידן צו דערלאַנגען.
און ער האָט דאָס אָפּגיטאָן ווי אַ פיינער יונג:
מיט צעהן טויזנט פוד
האָט ער געוואונען דעם סוד,
צו אָפּמעקין דעם נאָמען איד;
אַז איבער איאָר,
דעם 13טן טאָג אין אָדר
זאָל ניט בלייבן קיין זכר און קיין גליד

אַ כבוד האָט ער גיהאָט נישט קשה,
וואָס איז אים ניט גילעגין אין דער לינקער פיאה:
ער זאָל שרייען אין די גאַסן ככה יעשה.
און דאָ האָט אים זיין טאָכטער באַדעקט מיט צאה.
ווען זי האָט דערזעהען
וואָס איר פאָטער איז גישעהען,
איז זי גיפאַלין פון מויער אָן שהיות;
ער איז אַ באַמאַכטער גיבליבין,
און זי האָט די ציינער גיקליבין —
ער וואָלט ניט נעמען קיין דריי קאָפּיקעס פאַרן ביאות.

(דאָ געדענק איך ניט די איבעריקע פערזן,
וואָס פירן צום קומענדן פערז)

(איך געדענק ליידער ניט די איבעריקע פערזן ביזן פינאַל)

גיבענטשט זאָל זיין דער בעל הבית
מיט זיין מישפּחה,
גאָט זאָל אים געבן אָן אַ מאָס
ברכה און הצלחה:
גיט אונז אופן וועג
נאָך אייער פאַרמעג;
מיט האָבן ניט צייט צו שטיין.
און גיט אונז צו ביסלעך,
וועלן מיר הייבן די פיסלאַך —
מיר מוזן ווייטער גיין.

FARTZEITN


BAVEGT
FAR-TZEI-TN TZU-RIK MIT FI-LE YO-RN,
IZ UN-ZE-RE EL-T-RN GE-VEN NIT GUT, UN MEIN
HOR IZ FUN ZEI GORNIT GE-VO-RN, ES VOLT ZICH GE-GO-SN
TEI-CHN BLUT, NUR DORCH DI TRE-RN UN-GE-VEIN, FUN DI
YID-DI-SHE GE-MEIN, HOT ZICH GOT DERBARMT MIT ZEIN GE-
NOD, UN FAR-HEAT IN-DER-GICH, ZEINE SHEI-FE-LECH TZU
(: LANGSAMER :)
ZICH, ZEI ZO-LN ZICH FI-TE-RN "BA IM IN SOD"

פורים ליד

אין דעם טאָג האָט גישעהען
זייער גרויסע וואונדער —
מיט די אויגן האָט גיזעהן
יעדער באַזונדער.

לויבט גאָט פאַר זיין געבאָט
אויף זיין הצלה:
שוועבט, טרינקט, טאַנצט, שפּרינגט
אוף המנס מפלה.

אחשורוש איז געווען
אַ דוראַק, אַ גרויסער נאַר;
מיט די אידן איז גישעהען
שיר אַ גרויס געפאַר.

לויבט גאָט א.אַ.וו.

דער אויבערשטער האָט אים גישטעלט
המנ׳ען פאַר אַ מחותן,
חאָטש ער האָט ווייניק גיקוועלט
פון זיין שותף דעם גוטן.

לויבט גאָט א.אַ.וו.

באַמערקונג: דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק פון דעם ליד.

IN DEM TOG HOT GESHEHEN



דער מענטש

א מענטש מיט אויגן
גייט ארום אויף דער וועלט;
וואס טוען זיי אים טויגן,
אז די שיין איז פאר אים פארשטעלט.
ער האוועט און איז צוטראגין,
די צייט טוט ער יאגין
צו פארדינען וואס מער געלט,
און פון אלע אינטערעסין
טוט ער אינגאנצין פארגעסין —
וויפיל געדויערט ער גאר אויף דער וועלט.

צי איז ער גלייך צו זשיוואטנע
וואס טוען זיך נערין;
וואס זיי עסין אחאטנע
און טוען אויפן סוף ניט קלערין.
צי וויסן זיי וואס בעסער,
וואס קלענער, וואס גרעסער;
צי וויסן זיי גאר פון דעם מענטשנס ציל,
אז מען קלייבט אוים דעם גירעכטן
און מען טוט אים שעכטן,
אבי ער האט עס נאר מיט גרוים גיפיל

אַ מענטש וואָס האָט
אַ לעבן אַ זיסן —
ניין, איז אים ליב גאָר
דער פרעמדער ביסן . . .
דו פערד, דו נאַר,
וואָס האָסטו דערפאַר?
דו וועסט שניידן דאָס וואָס דו האָסט געזייט:
עם דיין פלאָדן
מיט אָפענע לאָדן
און דאַרפסט ניט גיניסן באַהאַלטענערהייט.*)

*) דאָס איז אַ פראַגמענט פון גאָר אַ גרויסער אַרבעט; ליידער
איז דאָס אַלץ וואָס איך געדענק דערפון.

דער הייזשעריק און די מוראַשקע

דער הייזשעריק זיצט דעם גאַנצין זומער
צווישין די זאַנגען —
ניט ער עסט, ניט ער טרינקט,
נאָר ער איז ציטראַגין
מיט זיינע גיזאַנגען.
די גאַנצענע טעג אויף אַמאָל,
האָט ער זיך אַלץ גיפלייסט מיט זיין קול
אויף אַזויפיל צו זינגען.
וואו האָט ער גענומען כח!
ווער עס איז גיגאַנגען פאַרביי,
האָט אים אופגעריסן זיין מוח . . .
אַט אַזוי — געזונגען
און נאָר געשפרונגען,
און אויפן סוף גאָרניט גיטראַכט —
און אַזוי האָט ער דעם גאַנצן זומער פאַרבראַכט.
ער האָט גאָר פאַרגעסין,
אַז ער וועט איצטער ניט פאַרגרייטן,
וועט ער שפעטער ניט האָבן וואָס צו עסין.
עס איז אָפן די וועלט
און ער קריגט אַלץ אָן געלט —
און ער האָט פון דעם סוף ניט גיקלערט,
ביז דער זומער איז גיוואָרין צושטערט.

* *

די מוראַשקע איז גאָר אַ קליינע בריאה;
זי האָט אָבער אין לעבין אַ גרוישע ידיעה:
זי קריכט, ראַטשקע איבער דער ערד
און האָרעוועט ווי אַ פערד.
זי שניידט, זי זעגט —

ביי קיינעם ניט געפרעגט:
אַט אַזוי גאָר שטילערהייט
און האָט פיל האַרטש פאַרגרייט.
וואָס מער און וואָס גיכער,
האָט זי אָנגעפילט גריבער און לעכער;
זי האָט שוין פון אַלע סאָרטן
פון פעלד און פון גאָרטן.
דערפאַר וואָס מי איז ניט פויל,
האָט מען אין מויל.
די נאַכט רוט זי אויס,
און בייטאָג קריכט זי אַרויס
און נעמט זיך פאַר אירע גישעפטן
מיט אַלע אירע קרעפטן.

* *

ווי דער זומער האָט נאָר גיפעלט,
אַזוי האָט דער ווינטער
זיין אַרמיע אוועקגעשטעלט:
דער שניי מיט די פרעסט,
די ערד איז פאַרפרעסט,
מיט אייז באַלעקט,
מיט שניי פאַרדעקט.
דער היישעריק האָט דערזען,
אַז אים איז גרויסע צרות גישעהן:
ער האָט ניט וואָס צי עסין און וואו צו זיצין;
זיינע גיזאַנגען טוען אים מער ניט ניצן, —
ער איז אינגאַנצן פאַרפראָרין.
אַזוי האָט ער אָנגיהויבין קלאָגין
אוף זיינע טעג און יאָרין:
אַי ווינד, אַי וויי! —

מיט אַ ביטערין גישריי:
און וואָס האָב איך מיין זומער פאַרבראַכט?
פאַרוואָס האָב איך אויפֿן סוף ניט גיטראַכט?!
וואָס פאַר אַן׳עצה זאָל איך זיך געבין,
ווי אַזוי צו דערהאַלטין מיין לעבין?
איך האָב גישטעלט מיין לעבין אין קאָן —
וואָס זאָל איך איצטער טאָן?!

* *

איז דער היישעריק צו דער מוראַשקע גיגאַנגען
און גיזאָגט: „הער, מיין פריינד,
וואָס איך טו פון דיר פאַרלאַנגין:
דערפאַר וואָס איך גיהוליעט די טעג און די נעכט,
איז מיר איצט זייער שלעכט;
בעט איך דיך
זאָלסט מיר איצטער עפּעס לייען —
און אַז מיר וועלן דערלעבין זומער,
וועל איך דיר באַצאָלן אין דרייען . . .״

האָט די מוראַשקע גיענטפערט:
„הער נאָר, מיין פריינט,
עס איז פאַראַן אַ גלייך ווערטל:
׳איך וועל דיר קושן מאָרגן —
נאָר דו מיר — היינט׳,
דערפאַר וואָס דו האָסט פאַרבראַכט
דעם זומער אינגאַנצין
אין זינגען און טאַנצין —
וועסטו איצטער ליגן אין פראַנצין.
און גיי שוין אַוועק פון מיר —
ווארום דו וועסט ניט חאַפּין די טיר! . . .״

TZVEI SOICHRIM



פראַגמענט פון מיין פאַטערס אַ בריוו
צו מיין שוועסטער רחל לאה

מיין טייערע טאָכטער:
חנוכה — די לעצטע נאַכט —
האָב איך מיט מלמדים פארבראַכט.
גיוויינטלאַך מיר זיינען חלילה ניט גיקומען שפּילין.
עס האָט ניט פאר יענעם אויסגירעט
יעדערן גיקאָסט צו עטליכע גילן, —
און מי האָט זיך צוזעצט
און טאַקע אַ קווערטל בראַנפּן אויסגיקוועטשט.
איז מען דאָך אָבער ניט גיווען יוצא —
האָט מען גיפונען אַן עצה.
און טאַקען שוין
איז יעדערער גילאָפין מיט שמחה אַהיים
און מי האָט גיבראַכט צו טראָגין
יעדערער נאָך זיין פארמאָגין:
איך האָב דער ערשטער גיבראַכט
פינעף רויע קארטאָפל איינע אין איינע;
איך האָב ניט געקוקט וואָס באַ מיר איז במהילה ניט גיווען —
האָב איך גיליען באַ אַ שכנה.
און די איבעריקע מלמדים — וואָס זאָל איך דיר זאָגין?
רעטעך, ציבעלע, אוגערקעס, קרויט —
הכלל, מי האָט גיטראָגין!
און איין מלמד האָט גיבראַכט אַ גאַנצין פּעקיל,
און גיווען איז דאָרט אַזוי די גרוים פון אַ הערינג אַן עקיל.
פאַר דער צייט וואָס מיר זיינען גיזעסין,
האָבין מיר גירעט וועגין מלמדישע אינטערעסין *)

*) דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענק פון דעם בריוו.

פֿון מיין פֿאָטערס אַ בריוו צו זיינעם אַ פֿריינט

לידידי הנחמד והמופלג
בן ציון דובראווסקי נ״י

עס איז אפילו אַן עבירה די צייט צו רייבין
קאַטאַוועס צו טרייבין;
כמעט פון טאָג פון גיבאָרין,
אַזוי ביז די עלטערע יאָרין,
האָב איך זיך גיפוילט אַרומצושמייען;
זומער איבער די היצן
און ווינטער איבער די ווינטין.
האָב איך זיך בעסער באַזעצט אין חדר
און שמייסין די קינדער אין הינטין . . .
ערשטענס, ווייל איך בין ניט קיין ריזיקאַנט
צי אַריינלייגין אין מסחר געלט;
און דערצו האָט עס מיר פשוט אַלע מאָל גיפעלט.
צווי מאָל אין יאָר בין איך פאַרדרייט,
ביז מיין קנעלונג ווערט פאַרזייט.
האָב איך אָבער דעם קנעלונג גימאַכט,
אַזוי בין איך שוין שפּאַקאַינע
דעם טאָג, אַזוי ווי די נאַכט.
ביז רעכטין סוף הזמן.
אַזוי איז מיין פלאַן:
אוף ברויט מיט קאַרטאָפליע
איז ברוך השם פאַראַן!
אײַ וואָס איך קען דערפון פאַר מיינע טעכטער
קיין נדן ניט געבין —
דערפאַר אָבער גייט מיר צו רוהיק מיין לעבין.
דהיינו?
שולדיק בין איך ניט קיינעם:
ניט קיין קרעמער, ניט קיין שכנים;

איך וואונדער זיך נאָר,
פאַרוואָס קיינער וויל מיך ניט באַרגין, ניט לייען:
נאָכן רעכענונג, דאַכט זיך,
האָט דער קנעלונג גידאַרפט מיר שטייען . . .
נאָר דער קרעמער — אין זיין טאַטענס טאַטען —
האָט אַ גוטע קאָפּ.
ער ווייסט, אַז עס קומט סוף הזמן,
צאָלט דער באַלאַבאָס ניט אָפּ . . .
דער באַלאַבאָס זאָרגט זיך נאָר פאַר זיך,
אַז עס זאָל אים גאָר ניט פעלן פאַר זיין קיך.
אַי וואָס דער מלמד האָט אַ הויז מיט שפּאַקעס,
וואָס קריכן אַרום הונגעריקע ווי די ראַקעס,
עפענען די מיילער און שרייען עסן!
אָבער איך — כדי די צרות צו פאַרגעסן,
רוק איך אָן די טויבע היטל
און גיפין מיר אַ מיטל:
ווען די קאָפּ ווערט מיר שוין דול,
גיי איך אַוועק אין שול.
און ווען איך קום צוריק פון מיין „קלוב",
דערווייס איך שוין — דעם הייזעריק, דעם שלאָפענדיק —
אָבער ברוך השם שטיל אין שטוב.
און איך אַליין שווייג מיר שטיל. —
וואָרום די „זי" קען מיר פאַרטיילן אַ חלק,
נאָך מער איידער איך וויל . . .

דאָס איז אַלץ וואָס איך געדענקט פון דעם בריוו. ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צען אָדער עלף, האָב איך דעם בריוו געפונען שוין אַ פאַרגעלטן אין פאָטערס קאַסטן, אַזוי אַז דער בריוו איז זיכער געשריבן געוואָרן צוריק מיט אַ יאָר פינף און פופציק—זעכציק.

לבני הנחמד כמר יקותיאל זוסמאן נ״י

אזוי ווי איצט טו איך נאָך ניט קנעלין —
האָט מיך געבעטן מיין אַלטע איך זאָל מיינע קינדער צו פרידן שטעלין
באַשרייב איך דיר פון פסח די ערשטע נאַכט,
ווי מיר האָן דעם סדר גימאַכט:
איך בין גיקומען פון שול, און די קאָפּ איז דול,
וואָרום ביי מיר איז דאָך ניטאָ ווער
עס זאָל זיך געבין אַ קער־אַהין־אַהער;
אפילו מיר זיינען דאָך סך־הכל אין צווייען,
איז וואָס איז דאָ וואָס זיך צו דרייען —
דאָך אָבער אין שטוב וועט גאָרניט אַריין אַליין,
און וואהין מי דאַרף האָב איך גימוזט גיין.
טאַקע נאָר אַליין לויפן,
אַלעם איינצוקייפון.
ווען איך זאָל מיין אַלטיצקע שיקון,
אזוי וואָלט איר גיטראָפן גאָר אַנדערע גליקון:
אַזוי ווי איינער האָט גיהייסון זיין פרוי ברייננגען פאָר מרור סאַלאַטע,
האָט זי גאָר גיבראַכט אַפּטיקארסקע וואַטע.
און פאָר חזרת, כרפס, זרוע,
האָט זי גיבראַכט אַ מאָגין, אַ צעפּציכע מיט אַ רייע;
און אוף חרוסת פאָר ניס, צימברינג און אינגבער, עפּיל,
האָט זי גיבראַכט מיט גריישע הערנער פון אַ באַראַן אַ קעפּיל.
איר האָט זיך גידאַכט,
אַז איר מאַן האָט אַמאָל אויך דאָס אָף יום טוב גיבראַכט.
און ווען אפילו מיינע איז ניט קיין משוגעת,
דאָך אָבער פאָר פסח — אַז עס ווערט אין מארק דער רעש...
אַ גאַנצע וואָך איז אַ טומל מיט אַ קאָך,
יעדע פרוי ווערט צוהיצט און צוברענט —
מי רייסט איינע פון דער צווייטע פון די הענט.

גאָר פלוצלונג ווערט מען גאָר נעהענטע מחותנים,
און מי פּאַצט אוים איינע דער צווייטע גוט דעם פּנים:
באַ דער רייסט מען אַראָפּ די הוט,
די צווייטע באַוואַסט מען מיט בלוט,
דאָ רייסט מען זיך פאַר די צעפּ,
און דאָ טיילט מען אַזוי טרוקענע קלעפּ.
אַ יונגערמאַן האָט דערהערט גייענדיק איבער מאַרק,
אַז זיין פרוא שרייט שטאַרק.
וואָס איז? זי האָט ניט דערקאָנט איר קאַסיאַלקע
וואָס זי האָט גיקויפט פון דאָס ניי,
און האָט זיך גיהאַפּט פאַר דער צווייטערס וואָס איז גישטאַנען דערביי.
זי האָט נאָך ניט אוספּייעט אַרומקוקן גאָר
וואָס דאָס איז אַ גרעסערער נאַבאָר,
אַזוי איז באַלד שוין גיוואָרין אַ גישריי מיט אַ הויך קול,
און פון אַ פּובליקע
פון פיר-פינף צעהנדליק ווייבער מיט אַ מאָל —
און מי צופּט זי פון אַלע זייטן;
ווער עס מיט זיך איין,
טוט די צווייטע איר פאַרבייטן.
איז צוגעלאָפן דער יונגערמאַן
און האָט אָנגיהייבין שרייען: „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַן?"—
און האָט אָנגיטראָפין איינע
און ער האָט איר אַריינגיטיילט אָבער אַזוי גוט,
און זי האָט זיך באַוואַסן מיט בלוט.
אמת, זי שפּילט אויך ניט און שרייט.
דערווײַלע האָט זי זיך גיגעבין אַ קער אין אַ זייט,
אָפּשאַרן פון פּנים אירע האָר —
דער יונגערמאַן טוט אַ קוק, אַז דאָס איז זיין פרוי גאָר!
האָט מען גינומען אים שלאָגין —
מיט יסורים האָבן זיי זיך קאַם אָפּגיטראָגין.
אַט אַזוי טוט דאָרט אַלע פאַר יום טוב פאַרפירין,
אַז די קליגשטע טוט דאָרט דעם שכל פאַרלירין.

מי הודיעט ווי די בינען,
מי בלייבט אַן אַ זינען.
דערפאַר האָב איך דאָס אַלעס גינומען אויף זיך,
און איך האָב אַלעס אַריינגיבראַכט שטיל און גיך.
און איך האָב דעם חרוסת גישטייסן און דעם חריין גיריבין —
בין איך טאַקע אַן כוחות גיבליבין.
נאָר קיין תירוצים גייט דאַ ניט אַן:
מי דאַרף ניט שטיין און מי דאַרף טאַן.
האָב איך די הסיבה־בעט גימאַכט,
און וואָס גיכער אַלץ אַריינגיבראַכט.
גיזעצט זיך מיט דער אַלטעצקער צום סדר.
אַרוף גילייגט פון אייבין אויף די מצות אַלץ כסדר,
קידוש גימאַכט אוף דעם ערשטין כוס,
גיטרונקען נאָך דער מאָס.
אָפגיזאָגט דעם הא לחמא עניא אין דער הויך,
און די אַלטעצקע האָט גיהאָלפין אויך.
צו מה נשתנה זיינען מיר גיבליבין שטיל —
מיר האָבן גיקראָגין נאָר אַן אַנדער גיפיל:
מיר האָבן גינומען ביידע באַנאַנד
באַטראַכטין נאָך אונזער פאַרשטאַנד —
בא איצטיקע יאָרין,
וואָס פון אונז איז גיוואָרין.
פון דעם טאָג פון גיבאָרין
זיינען מיר שוין היפּס אָפּגיפאָרין —
אָפּגיפאָרין גאָר ווייט,
און מיר האָבן איבער די קינדער
ניט גיקראָגין קיין רוהיגע צייט.
יעדער קינד וואָס מיר האָבין גיהאָט
איז ניט גיגאַנגען גאָר גלאַט.
בלוט פאַרגאָסין
גאָר אַריבער די מאָסן,

און וועגין טרערין
איז גאָר פאַרשפּאַרט צו קלערין.
ווען דעם קינד האָט נאָר וואָס גיטראָפין,
אַזוי האָט מען שוין ניט גיעסן און ניט גישלאָפין;
גיפאַסט תעניתים ווען דעם קינד איז גיוואָרין וואָס שלעכט,
און נאָך צוגעזאָגט תעניתים —
ווען ג' ב"ה וועט מאַכן דאָס קינד צורעכט.
נאָך איידער דאָס קינד האָט זיך אויף זיינע פיס גישטעלט,
אַזוי האָט אונז קיין צרה ניט גיפעלט:
פּאָקין, מאָזלין, ציינדלאָך, ביז מיר זיינען איבערגעקומען
האָבן מיר פיל צרות צו גינומען.
נאָך אַלע מלאכות
האָט זיך צוגיוואָרפן אַזוי פראָסטע קדחות.
און ווען מי האָט שוין דערהאַרט אַ רוהיגע שעה אַ קלאָרע —
ניין אָבער — דעם קינד האָט זיך צוברענט פון איין עין הרע.
אבער ניים גילייגט דעם לעבין —
און אַזוי צו יעדער קינד וואָס ג' ב"ה האָט גיגעבין
יעדער טאָג אַן אַנדער קלאָג.
ביז וואָנען מיר האָבן זיי אויף גיצויגין,
זיינען אַרויס גיקראָכן די אויגין.
און אַלע וויטאָקין און אַלע שמאַרצין
ליגן נאָך אי היינט טיף אין האַרצין.
און היינט אַז זיי זיינען שוין ב"ה גיוואָרין מענטשין
און מיר האָבן שוין ב"ה דערלעבט,
אַזוי האָבן זיי פון אונז אָפּגישוועבט —
איינע פון די אַנדערע צווייט,
אין ווייטע ערטער פאַרשפּרייט.
איז גאָר דען ווען אַרוף אויף אונזער זינען,
אַז צום סדר זאָל זיך ביי אונז קיין איינער ניט געפינען!
זיינען מיר גיבליבן אַזוי ווי ענדיקעס זיצן אַנגיבלאָזין:
ווי אַזוי איז באַ זיי רעכט גיבליבין אונז צו פאַרלאָזין

אין אונזער גימיינעם אופן
האָבין מיר קיינעם ניט דערלאָזן פון אונז אָפּלייפין —
מיט אַזאַ אייגנשאַפט, ניט פאַר קיין אידין גידאַכט,
האָבין מיר אַלעם גיטראָגין ווי עס האָט זיך גימאַכט;
ווי שלעכט — אַלעם רעכט.
זיך די אייגנשאַפט וואָס גרעסער,
אַבי דעם קינד וואָס בעסער.
און איצטער — אַי־ווי, אַי־ווי —
וואו זיינען מיר — וואו זיינען זיי!
נו, — אָבער די ליכט ברענט אויש,
און וואָס וועט פון דעם אַרויש?
צו אונזערע ליידין
וועט ניט נעמין קיין ענדע וויפיל מיר וועלין ריידין.
אַ ברירה האָט גיהאַט מיין אַלטעצקע — די ברילן אַנטאָן —
און האָט גינומען זאָגין דעם מה נשתנה — אָבער אַזוי ווי זי קאָן.
טאָקע מיט אַ פיינעם טאָן.
בערך האָט דער מה נשתנה גיטאָן היפּס גיוועריין:
ווייל צו יעדער שבכל הלילות
האָט זיך איר אויף גיעפינט אַן אַנדער קוואַל טרעריין.
זיצינדיקערהייט און העריין,
האָב איך גינומען דערוויילע צו באַקלעריין,
מיט וואָס פאַר אַ תירוץ זאָל איך פאַרענטפעריין איר פראַגע,
און מיט אים זאָל אויסגיבעסערט ווערן איר לאַגע.
איז דען טאָקע דער עבדים היינו גיקליידעט צו אַזוינע וואָפּראָסן.
מיך האָט אַ גיפטיקער שוויים דערוויילע אָפּגיגאָסין.
דאָך אָבער איז אַ מאַנספערזאָן מיט אַנדערע מאָסין —
האָב איך גיזאָגט: „הער, מיין לעבין,
מיר מוזן פאַרנעמען ווי ג׳ ב״ה האָט גיגעבין;
זיי גילאָסין, וועך באַרוט,
ווי גאָט ברוך הוא טוט
מוז זיין גוט.

ניט איצט איז אויף דעם א צייט.
היינטיקע נאכט האט ג' ב"ה די אידן באפרייט,
אזוי מוזין מיר אלע זיין פיל צופרידין
וואס ג' ב"ה האט פון מצרים אוישגילייזט די אידין
און ער האט מיט זיי גריישע חסדים גיטאן,
און מיט דעם סוקינאהא סינע סין
האט ער זיך בארעכינט אזוי ווי ער קאן.
און מיר האבין שוין אנ אנדער מינע גיקריגין —
און דאוואי נעמען זיך פאר דעם עבדים היינו
בקול ובניגין,
און אזוי ווייטער און ווידער:
איך אין דער הגדה, און זי אין סידור,
ביז מיר זיינען גיקומען צי די ארבעה בנים.
עפעס איינער פון זיי האט אוישגיוויזין מיט א שרעקליכין פנים,
און ער האלט מיטביידע הענט א גרוישין שטעקין.
האבין מיר זיך דערשראקין, אז ער וועט אונז נעמין דעקין,
און די איבעריקע אלע זיינע שכנים
וועלין זיי זיך נעמין צו אונז אלע אינאיינעם.
האב איך בארעכינט: ניין, סי ניסט אזוי!
און איך האב ארויס גישריען מיט א גרויס גישריי:
שאט, שאט, ניט מאכט פון זיך אזא טאראראם;
איך האב בה"ש אייגענע — א חכם, א רשע און א תם!
זיי האבין דאס באנומין מיט א גיפיל
און זיינען גיבליבין שטיל.
אזוי האב איך גינומען זאגין:
חכם מה הוא אומר.
זוסיא, מיין זון, וואס זאגסטו אויף אונזערע אושפעכין?
אנו, ניט שוויג און זאג אין גיכין!
דו האסט ניט גיוואלט דינען,
האסטו פאר זיך א מיטיל גיפינען;
דו האסט ניט גיוואלט באנעמען —

און דיינע אַלטע, שוואַכע עלטערין
צו לאָזן אַוואַו און אויף וועמין,
אָן כוחות און אָן קרעפטין
באַ וואַסערע גישעפטין.
איך רעכין, אַז די נאַכט האָסטו גאַרניט וועגין דעם אי ניט גיטראַכט
און דו האָסט גיוויש גאַר פיין פאַרבראַכט —
איז ניט מיט דער הגדה —
דאָס איז טאַקע היינט אויש מאָדע —
איז מיט טאָוואַרישעס און מאַדמאַזועלין;
זיי זיינען גישוויש גיפעלין
און האָבין דיך גיטאָן צופרידין שטעלין.
און דער טאַטע מיט דער מאַמע אין צווייען —
מיט וועמען זאָלין מיר זיך פרייען?
דערנאָך געזאָגט — רשע מה הוא אומר.
חיים אברהם, וואָס זאָגסטו אויף אונזערע גליקין?
דו האָסט אונז גישריבין,
אַז דו וועסט אונז מער קיין בריוו ניט שיקין.
דו הונט! אַזוי האָבין מיר זיך מיט דיר באַגאַנגען
מאַכסטו איצט אַזוינע משוגענע גאַנגען . . .
איך האָב דיר אויסגישיריבין וואו מיר האַלטין אין דער וועלט —
האָט זיך באַ דיר דער טרוף גישטעלט.
איך האָב דיר גישריבין, אַז נאָך מיין פאַרדינען
קאָן זיך דיין פרוי באַ מיר ניט גיפינען.
וואָס מאַכסטו מיר פאַר אַ פלאַנען —
אַז איך האָב פאַרט ניט פון וואַנען!
איך האָב איר וועגין דעם גישריבין,
איז זי אונז אַ גוטער פריינט גיבליבין;
איז זי טאַקע אַ קלוגע —
און דו ביזט משוגע!
איך האָב מיט דיר גאַר פיל צו ריידין,
נאָר ניט איצט איז אַ צייט זיי צו באַשיידין.

איך האָב נאָך גינוג וואָס צו טאָן —
וועט אויסקומען שפּעט צו עסין דעם אפיקומן...
דערנאָך גיזאָגט:
תם מה הוא אומר.
משה דוד, וואָס זאָגשטו אָף אונזערע אינטערעסין?
פאַרוואָס האָשטו אוף אונז פאַרגעסין?
דו האָסט זיך גימאַכט תמ'עוואַטע
און דו זאָגסט: וואָס איז אַזוי דער יחוס אַ מאַמע אַ טאַטע!
וואָלט איך ניט גיווען אוף דער וועלט,
וואָלט איך קיינעם ניט גיפעלט.
די וועלט וואָלט זיך אוישגיפירט ווי אָן מיר;
עס איז דאָ גינוג מענטשין גאָר אָן אַ שיעור.
און אַז איר האָט מיך אוף דער וועלט גיבראַכט,
האָט איר מיך שוין פאַר אַ מענטשין גימאַכט,
צי דען האָב איך אייך צו דעם גינייט?
נו, טאָ זייט אייך גיזונטערהייט!
זאָג איך אָבער צו אים: רעדסטו דען דאָס מיט אַ זינען?
טוט זיך דען אַ פאַרשטאַנד באַ דיר גיפינען?
אָן עלטערין וואָלט דאָך ניט גיווען קיין וועלט —
איז ניט נאָר דו איינער וואָלט גיפעלט;
איז דאָך אוף דעם גישטעלט
די גאַנצע וועלט!
אַ־נו, איך פרעג דיך אָן:
מיט דיינע קינדער ווי אַזוי האָבטו גיטאָן?
דו גיבסט זיי דאָך דאָרטן אין סקול (אייער לאַנד)
מענטשליכקייט צו אונזייען,
ווי אַזוי עלטערין פאַטשיטאַיען.
וואָס וואָלסטו זאָגין,
ווען דו וואָלסט פון דיין קינד אַזאַ אום כבוד פאַרטראָגין?
דער שאינו יודע לשאול איז גיבליבין שטיין
פאַר זיך אַליין.

האָב איך מיט אים קיין שהיות ניט גימאַכט.
מיט פּרעה׳ס מכות ניט פיל פאַרבראַכט;
די מכות אויף גיך אָפּגיגאָסין
אָן אַ וואָג און אָן מאָסין
און דעם רעכענונג — צי יעדער מכה
איז גיווען פון פיר צי פון פינף מכות, —
האָב איך בּאַ רבי אליעזר מיט רבי עקיבא ניט געמאַנט;
איך האָב זיך פאַרלאָזין אויף זייערע נאמנות —
גיוויינטלאַך האָבין זיי רעכענין גיקאָנט!
צו לפיכך האָב איך גינומען דעם כוס דעם צווייטין,
און די אַלטעצקע האָט גינומען צום טיש גרייטין;
און טאָקע דערלאַנגט אופין טיש
אויף צי לאָכעס פּרעה׳ן — גוטע, פרישע פיש.
יאָ, די זאַלץ־וואַסער מיט די אייער,
האָבן מיר גיגעסין פרייער.
נו, קניידלאַך מיט פלייש ווייס איר דאָך אַליין,
אַז אָן דעם קאָן דאָס ניט גיין!
דערנאָך האָב איך גיהייסין דער אַלטעצקער
דעם צווייטין כוס אָנגיסין,
און איך האָב מיט דעם אפיקומן די וועטשערע פאַרביסין.
נאָך דעם בענטשין אויפגיעפינט די טיר,
גיזאָגט שפוך חמתך, דאָס הייסט:
פאַרגים דיין צאָרין אויף די פעלקער אָן איין שיעור.
איך טוט אַ קוק — אליהו הנביא איז דאָ!
אַזוי האָב איך אַ גישריי גיטאָן: ברוך הבא!
איך האָב אים גידאַנקט וואָס ער איז גיקומען
און איך האָב אים זייער פיין צוגינומען.
איך האָב מיט אים פאַרבראַכט גאַנץ פיין,
און איך האָב פאַר אים גישטעלט אַ גוטע גלאָז וויין;
אַזאַ וויין האָט ער גיוויש ניט גיטרונקען זיין גאַנצין לעבין —
כדאי — ווער ווייסט עס אים געבין!

קיינער וויל גאָרניט אויף עפענען די טיר,
מי וויל אים גאָר ניט געבין, ניט אַ שמיר —
אַזוי האָט ער מיט מיר גירעט מיט גוטין.
איך זע אַז איך בין שוין גאָר מיט אים אַ נאָהענטער מחותן,
האָב איך צו אים גיזאָגט: הערט רב עליע,
גיוויינטלאַך וועט איר זיין אין געכין באַ מיינע קינדער,
ווייל אייך איז דאָך ניט ווייט;
איר קאָנט דאָך זיך איינקערן אויף דער גאַנצער וועלט
גאָר אין איין קליינער צייט;
וועט איר מוחל זיין לאָזין זיי ווישין,
אַז דורך אייך לאָז איך זיי גאָר האַרציק גירישין.
אָבער עס קען טרעפן אַז רב עליע וועט זיך מאַכין
איין אַנדער מאַרשלוט,
איז דאָך טאַקע גאָר ניט גוט!
לאָז איך אייך אַלעמען אַליין צו גערוסין —
און טאַקע נאָך אַלעמען אפילו זוסיען מיט באָריסן...*)
...נו, מיינע ליבע קינדער, איך פויל זיך שוין מער צו שרייבין:
מיך פאַרדריסט אַזוי אויך אַזויפיל צייט צו רייבין.
אַזוי הער איך אויף צו בילין,
און איך נעם זיך פאַר דעם ערב תבשילין.
און איך בענטש אייך מיט אַ גליקליכין לעבין,
און אַלעס גוטעס זאָל אייך ג׳ ב״ה געבין,
מיט אַלעס גוטעס זאָלט איר זיך פרייען,
און איר זאָלט ניט פאַרגעסן אויף אונז צווייען.
מיר פאָדערן ניט פון אייך קיינע גליקין,
נאָר בריפעלאָך זאָלט איר אונז שיקין.
אַ גוטער יום טוב, אַ גוטער יאָר —
און מער גאָר!

מיינע צוויי פלימעניקעס

מיט אנערקענונג און דאַנקבאַרקייט דערמאָן איך די קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע האָבן געשריבן מוזיק צו מיינע לידער:

אַ העלד געפאַלן — — — — ל. בערנשטיין

חנה׳לע — — — — — — ל. בערנשטיין

דער שטאָלצער דיענפער — — יעקב וויינשטאק

יוגנט־מאַרש — — — — — יעקב וויינשטאק

ישראל — — — — — — — אדאָלף מאַן

חנה׳לע — — — — — — אַדאָלף מאַן

עלעגיע — — — — — — אדאָלף מאַן

נאַקטורן — — — — — — י. שראָגין

האָסט אַ שפּיל געטאָן מיט מיר — — י. שראָגין

דערינערונג — — בען באָנוס און דאָראָטהי אַקון

דערינערונג — — — — — ש. סאלאמאן

אליהו הנביא — — — — — ש. סאלאמאן

איך דריק אויס מײַן האַרציקן דאַנק צו אַלע מיטגלידער פון דעם ז. בונין בוך־קאָמיטעט, וועלכע האָבן אַזוי איבערגעבן געאַרבעט און דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון מיין בוך. איבערהויפט ווילט זיך דערמאָנען:

מיין שוואָגער מ. באַראַן
יעקב וויינשטאק, וועלכער האָט מיט אַזוי פיל איבער־געבנקייט פאַרשריבן די מוזיק צו מיין פאָטערס לידער.
פ. טשערנער
יוצי מאָרדען
ז. סקאקאווסקי
אסתר רעזניקאוו
שיקע און מאַניא פאטאָווסקי
מלכה קוויטמאן
נייטן און ענא שאפּירא
חיים און רוט שווארץ.

איך וויל אויך באַדאַנקען די גאָר פיינע צאָל חברים און פריינט, וועלכע זיינען אָפיציעל ניט געווען אָנגעשלאָסן אין דעם בוך־קאָמיטעט, און האָבן דאָך אַזוי איבערגעבן געאַרבעט צו העלפן פאַרשפרייטן דאָס בוך.

ז. בונין.

א י נ ה אַ ל ט

געזאַנג פון מיינע טעג

אַזוי צו זאָגן — — — — — — — 5
צו אַ פריינט אַ דיקטער — — — — 7
אַ בילד פון אַן אויל־פעלד — — — — 8
באַלאַדע פון אַן אַלטן שניידער — — — 10
דער סוד פון ווערן רייך — — — — 19
ישראל — — — — — — — — 21
דער חזיר און דער סאָלאָווײ — — — — — 22
דער בוים און דער דאָרן — — — — 25
דער האָן און דער פוקס — — — — 27
צו אַ לאַנד, אַ היים אַ נייער — — — — 29

אין שווערע טעג

עס שרייבט מיר מיין שוועסטער פון פוילן — — 32
דער טאָג פון רעכענונג — — — — 35
מכשפה בערלין — — — — — 37
אַ העלד געפאַלן — — — — — 40
דער פליער — — — — — — 42
אונדזער ענטפער — — — — — 43

אונטערן בלויען הימל

אויפן דניעפר — — — — — — — 46
יאָסעמיטי — — — — — — — 47

מיט זיך אַליין

עס טרעפן מאָמענטן — — — — — — — 62
רעלאַטיוו — — — — — — — 63
נאַקטורן — — — — — — — 65
אַ שטיין אין פעלד — — — — — — — 66
איינזאַמקייט — — — — — — — 67
וואויל איז אַמאָל — — — — — — — 68
שיינע נשמות — — — — — — — 69

נאָענטע און ליבע

ליבעלען אַ מתנה — — — — — — — 72
צום צוריקגעקומענעם סאָלדאַט — — — — 73
ס'איז געווען — — — — — — — 74
חנה — — — — — — — 77
לאַנדסלייט — — — — — — — 79
דאָס שלעכטע בערעלע — — — — — 82
יוגנט מאַרש — — — — — — — 83

דאָס אייביקע ליד

האָסט אַ שפּיל געטאָן מיט מיר — — — — 86
צום אָפּשייד — — — — — — — 87
אַ שאָד — — — — — — — 88
ווער ווייס — — — — — — — 89
צו וואָס? — — — — — — — 90
עלעגיע — — — — — — — 91
דעראינערונג — — — — — — — 92
קום מיט מיר — — — — — — — 93
ווי אַ שטראַל אַ ליכטיקער — — — — — 94
אין שפּיגל — — — — — — — 95

איבערזעצונגען

וואַרט אויף מיר — — — — — — — 98
ס'איז אַלץ איינס — — — — — — 100
עד, גוטע ברידער — — — — — — 101
טאַטשאַנקא — — — — — — 102
אין אָוונט — — — — — — 105
טיכעלע בלויע — — — — — — 107
וויגליד — — — — — — 109

אפרים יצחק בונין — — — — — — 113

לידער פון אפרים יצחק בונין

דער דלות — — — — — — 125
איך — אָרימאַן — — — — — — — 130
פורים ליד — — — — — — 133
פורים ליד — — — — — — 135
פורים ליד — — — — — — 139
דער מענטש — — — — — — 141
דער היישעריק און די מוראַשקע — — — 143
פראַגמענט פון מיין פאָטערס אַ בריוו צו מיין
שוועסטער רחל לאה — — — — 147
פון מיין פאָטערס אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט — 148
לבני הנחמד יקותיאל זוסמאן נ״י — — — 150